NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

פרייז 15 גראָשען

10 זייטען

נייער פאָלקסבלאַט

№ 293 | Łódź, Poniedziałek, 21 grudnia 1936 | אדרעס: לאָדז, פּעטריקאָווער 21 טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאָדז, מאָנטאָג פ' ויחי ז' טבת תרצ"ז | 14-טער יאָהרגאַנג

אראַבּישע טעראָר־הכנות

רעגירונגס־הלואה פאַר אַראַבּישע לאַנדווירטען געהט אויף קויפען געוועהר. — "איראַק־פּעטראָלעאום־קאַמפּאַני" צאָהלט אויסקויף־געלד די אַראַבּישע טעראָריסטען. — על־קאַוקאַדזשי אָרגאַניזירט גרויסע טעראָר־באַנדעס אין איראַק. — דער ישוב וואָרענט די ארץ־ישראל־רעגירונג

"דאָס מאָל וועלען מיר זיך נישט בּלויז פערטיידיגען"

"היינט איז נאָך צייט צו פערהיטען פון אַ קאַטאַסטראָפע — מאָרגען וועט זיין צו שפּעט"

ירושלים, 20 (יט"א טעלעגראַפיש)

די גאַנצע העבּרעאישע פּרעסע איז היינט פול מיט מעלדונגען וועגען די הכנות, וואָס די אַראַבּישע טעראָר־צענטראַלע מאַכט צו אָרגאַניזירען אַ נייע אַנטי־יודישע און אַנטי־ענגלישע טעראָר־קאַמפּאַניע אין בּריטען מאַנדאַט א"י.

די פּרעסע אַלאַרמירט אויפ'ן שטאַרקסטען אופן די רעגירונג אין לאָנדאָן און ירושלים און פאָדערט אָנצונעמען תּיכף־ומיד אַלע נויטיגע שריט, נישט צו דערלאָזען צו אַ פרישער קאַטאַסטראָפע.

ווי עס איז צו זעהן פון די היינטיגע פּרעסע־מעלדונגען, וואָס שטאַמען פון די צופערלעסיגסטע קוועלען, **גרייטען זיך די טעראָריסטען פיבּערהאַפט צו דער נייער טעראָר־אַקציע**

עס שטעלט זיך אַבּער ארויס, אַז זייערע מיטלען שעפּען די טעראָריסטען נישט בּלויז פון אַראַבּישע — אינלענדישע און אויסלענדישע — קוועלען, און אַז אַ חוץ דער אונטערשטיצונג, אויף וועלכער זיי קענען רעכענען פון מאַנכע איראָפּעאישע מלוכות, ווערט זי אונדירעקט געשטיצט דורך דער... א"י־רעגירונג גופא.

אַזוי למשל, שטעלט פעסט די פּרעסע, דאָס עס זענען פאַראַן אומפערגלייכבּאַרע בּעווייזען, אַז די אַראַבּער נוצען אויס די הלוואה, וואָס די א"י־רעגירונג האָט ערטיילט די אַראַבּישע לאַנד־אַרבּייטער, אויף קויפען געוועהר. די הלוואה פון דער א"י רעגירונג אויף דעם צוועק האָט בּעטראָפען 30 טויזענד פונט. פאַר דעם געלד זענען שוין געמאַכט געוואָרען וואָפען־בּעשטעלונגען און טייל פון דעם בּעשטעלטען געוועהר געפינט זיך שוין אין א"י.

ווי בּעקאַנט, פּרעסען אויס די טעראָריסטען געלד מיטלען פון אַראַבּישע סוחרים און פילאַנטראָפּען, וועלכע זיי צווינגען צו צאָהלען גרויסע געלד־סומען אונטער פערשידענע טעראָר־דראָהונגען פאַר דער אַראַבּישער דיווערסאַנטען־אַקציע. עס שטעלט זיך אַבּער ארויס, אַז נישט בּלויז **די אַראַבּער מוזען צאָהלען אויסלייז־געלד די טעראָריסטען**

די פּרעסע שטעלט פעסט, אויפ'ן סמך פון פעסטע בּעווייזען, אַז די לייטונג פון דער "איראַק־פּעטראָלעאום־קאַמפּאַני" צאָהלט די אַראַבּישע טעראָריסטען גרויסע אויסקויף־סומען, כּדי זיי זאָלען נישט — בּיי אַ נייעם טעראָר־אויסבּרוך אין א"י — בּעשעדיגען די נאַפט־רעהרען פון דער געזעלשאַפט. (ווי בּעקאַנט, זענען בּעת די געשעהענישען אַפּריל — אָקטאָבּער די נאַפט־רעהרען פון דער "איראַק־פּעטראָלעאום־קאַמפּאַני" בּעשעדיגט געוואָרען נישט ווייניגער ווי העכער פירציג מאָל. אין מעהרערע פאַלען איז דאָס נאַפט אין די אויפגעריסענע שטעלען אונטערגעצונדען געוואָרען. די היזקות פון דער איראַק נאַפט־געזעלשאַפט זענען צוליבּ דעם געווען זעהר גרויס).

דאָס אויסלייז־געלד, וואָס די טעראָריסטען־צענטראַלע בּעקומט פון דער "איראַק־פּעטראָלעאום־קאַמפּאַני" ווערט אויסגענוצט דורך די אַראַבּער פאַר דער צוגרייטונגס־אַקציע צו דער נייער טעראָר און סאַבּאָטאַזש־קאַמפּאַניע. די דאָזיגע געלד־מיטלען זענען זעהר גרויסע און **ערלויבּען די טעראָריסטען איינצוקויפען פיל געוועהר.**

די פּרעסע גיט אויך איבּער אויספיהרליכע פּרטים וועגען דער צוגרייטונגס־אַקציע פון די טעראָריסטען אין דער ריכטונג פון "אויסשולען" נייע טעראָר־קאַדרעס צום פרישען אויסבּרוך פון די אונרוהען.

דער פיהרער פון די טעראָר־בּאַנדעס, פאַוזי־בּיי על־קאַוקאַדזשי, וועלכער געפינט זיך נאָך אין איראַק פיהרט דאָרט אַ זעהר פערצווייגטע און האַלבּ־עפענטליכע ווערבּירונגס־אַקציע צווישען דער אַראַבּישער יוגענד. די ווערבּירטע קאַנדידאַטען ווערען ארויסגעשיקט אין ספּעציעלע טרענירונגס־לאַגערן, וואו זיי בּעקומען אַ ענטשפּרעכענדע צוגרייטונג. ספּעציעל אָנגאַזשירטע אינסטרוקטאָרען לערנען זיי די כּללים פון דיווערסאַנטען־אַקציעס. די שולונג קומט פאָר מיט ענטשפּרעכענדע איבּונגען פון מיליטעריש־דיווערסאַנטישען כאַראַקטער.

די העבּרעאישע פּרעסע אַלאַרמירט די רעגירונג, זי זאָל נישט זיין בּלינד אויף זאַכען, וועגען וועלכע אַלע ווייסען און אַלע רעדען. דערווייל אַבּער — שטעלט פעסט די העבּרעאישע פּרעסע — איז די רעגירונג אַזוי טויט ווי בּלינד. זי טוט גאָרנישט אַלענפאַלס זעהר ווייניג.

אין אַ לייט־אַרטיקעל שרייבּט היינט דער "דבר" וועגען דער צוגרייטונגס־אַקציע פון די אַראַבּער צו דער נייער טעראָר־קאַמפּאַניע און ווייזט אָן אויף די פעדים, וועלכע ציהען זיך צווישען די בּעזונדערע אַראַבּישע, לעגאַלע, האַלבּ־לעגאַלע און אונלעגאַלע קערפּערשאַפטען. די צייטונג וואָרענט דער רעגירונג וועגען דער גרויסער סכּנה, וואָס דראָהט ווידעראַמאָל דאָס לאַנד, וואָס האָט ערשט איצט קוים אָנגעהויבּען קומען צו זיך נאָך די שווערע פאָלגען פון די אונרוהען פון זומער 1936.

די רעגירונג — וואָרענט דער "דבר" — מוז אָננעמען אַלע מיטלען געגען דער דראָהענדער סכּנה שוין היינט, ווייל מאָרגען קען זיין צו שפּעט.

דער יודישער ישוב — שרייבּט דער "דבר" — האָט נישט קיין מורא. ער שרעקט זיך נישט, און וועט זיך נישט לאָזען אָפּשרעקען.

די צייטונג פיהרט אויס:

— העכער זעקס חדשים האָבּען מיר זיך פערטיידיגט געגען אַראַבּישען טעראָר און די וואַנדאַליזם מעשים פון די ווילדע האָרדען. מיר האָבּען נישט קיין מורא פאַר מאָרגען. אויבּ אַבּער עס זאָל אונז נאָך אַמאָל אויסקומען צו פערטיידיגען זיך געגען מעשים פון צושטערער און צעבּרעכער, וועלען מיר זיך דאָס מאָל שוין נישט בּלויז פערטיידיגען, מיר וועלען אָננעמען די קריגס־ארויספאָדערונג.

אין דעם זעלבּען גייסט שרייבּען אויך אַנדערע העבּרעאישע צייטונגען, אָנווייזענדיג אויף דעם, אַז עס איז די לעצטע שעה, ווען די רעגירונג קען נאָך עפּעס טון, כּדי נישט צו דערלאָזען, אַז דאָס לאַנד זאָל ווידער אַמאָל פערוואַנדעלט ווערען אין אַ שויך־פּלאַץ פון מאָרד און פערניכטונג, שׂרפות און טעראָר, וואַנדאַליזם און חורבּן.

פערבּרעכן און שמד

דער פאַטער פון הענריק בּאַרוך האָט זיך אַוועקגעזעצט שבעה נאָך זיין זוהן

דער פאַטער האָט נישט געוואוסט, אַז זיין זוהן איז געשמד'ט. — אויספאָרשונג ווערט ווייטער געפיהרט. — נאָך איין שאָפער אַ מיטשותף. — בּעגריסונג פון דעפּ. רובּינשטיין צום געוו. סעבּאַטאָר בּודזינער

געשפּרעך מיט דער מוטער פון געפאַנגענעם, פרוי בּודזינער

וואָס דערצעהלט פרוי מרים בּודזינער

וועגען איהרע טראַגישע איבּערלעבּענישען

די פרוי מרים בּודזינער איז נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פון די שרעקליכע איבּערלעבּענישען וואָס זי האָט אדורכגעמאַכט אין פערלויף פון אַ קנאַפּען מעת לעת. אַמבּעסטען וואָלט זי געוואָלט שוין פערגעסען וועגען דער גאַנצער פּאַסירונג, זי טיילט זיך דאָך מיט אונזער מיטאַרבּייטער מיט די שווערע מאָמענטען, וועלכע זי האָט מיטגעמאַכט.

— מיין זוהן, הויבּט פרוי בּודזינער אָן מיט אַ קרעכץ איז אַ שוואַכער מענש, גאַנץ בּעזונדערס פיהלט ער זיך שלעכט זייט דעמאָלט ווען ער האָט **בּעקומען אַ שטאַרקען קלאַפּ פון די ענדעקישע סטודענטען, בּעת די פאַראַיאָהריגע אונרוהען אין אוניווערזיטעט,** וואו ער האָט געלערנט. ער איז אַ סאָלידער און בּעשיידענער, ס'האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפען, אַז מיין זוהן זאָל זיך פערשפּעטיגען אהיימצוקומען און זאָל מיר טעלעפאָניש נישט מיטטיילען וועגען דעם, איך האָבּ געוואוסט, אַז ער קומט אהיים העכסטענס האַלבּ 8 אין אָוונט, ווייל ער געהט ארויס פון דער פאַבּריק אויף מאָרגאָווע 28 פּונקט 7 אַ זייגער.

היינטיגען מיטוואָך איז ער נישט געקומען צו דער בּעשטימטער צייט, איך האָבּ נאָכגעפרעגט די שטוּבּ־מענשען צי בּענגאַ האָט נישט טעלעפאָנירט, אַבּער קיינער האָט דערפון נישט געוואוסט, איך האָבּ געוואַרט אַ שעה נאָך אַ שעה און מיין אונרוהיגקייט איז שטאַרק געוואַקסען, איך האָבּ אָנגעהויבּען ארומצוטעלעפאָנירען צו מיינע טעכטער און איידימס, וועלכע האָבּען אויך נישט געוואוסט, וואו בּענגאַ קען זיין.

— מיין מוטער־האַרץ, — ווישט פרוי בּודזינער די אויגען — האָט מיר בּאַלד געזאָגט אַז מיט איהם האָט עפּעס פּאַסירט, וועגען וואָס פאַראַ אומגליק איך האָבּ אַלץ נישט געטראַכט, האָט מיר **אַבּער נישט געקאָנט קומען אויף די געדאַנקען אַזאַ אויסטערלישע צרה.** מיינע איידימס און טעכטער זענען בּאַלד געקומען צו אונז, אַבּער מעהר ווי נאָכטראַכטען האָבּען מיר נישט געקענט, מיר האָבּען נאָכגעפרעגט אין די פּאָגאָטאָוויעס, אין דער פּאָליציי אַבּער אומזיסט. פּלוצלינג האָט מיר דער הויזוועכטער געפרעגט דעם בּריף וועלכער איז איך שוין בּעקאַנט. **איך האָבּ דעמאָלט פּשוט נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר.** מיינע איידימס האָבּען בּעשלאָסען מיטצוטיילען דער פּאָליציי, דאָס וואַרטען בּיז אויף צו־מאָרגענס אינטערפעריה איז געווען פאַר מיר אומערטרעגליך. בּיי יעדען קלינג בּיים טעלעפאָן האָט מיין האַרץ אַ ציטער געטון. ענדליך האָט אומיצער ארום 11 אַ זייגער אָנגעקלונגען בּיים טעלעפאָן.

— רעדט דאָ נומער 209-05?

— יאָ.

— קען איך רעדען מיט פרוי בּודזינער?

— איך בּין צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן. גלייכצייטיג איז מיין איידעם נחמן וועגמייסטער ארויפגעלאָפען צום טעלעפאָן פון אדוו. שטיקגאָלד, וועלכער וואוינט אין דעמזעלבּען הויז און מיטגעטיילט דעם אויספאָרשונגס־אַמט, אַז איצט טעלעפאָנירען די פערשוינען. ווייטער ווייסט איהר דאָך שוין אַלץ. איך בּין אַזוי צובּראָכען, אַז ס'וואָלט גלייך געווען אַז מען זאָל מיך לאָזען צורוה...

לייבּוש בּאַרוך, דער פאַטער פון הענריק'ן

דער פאַטער פון הענריק בּאַרוך איז דער היגער אָנגעזעהענער בּיהנער לייבּוש בּאַרוך. פון זיין תּכשיט האָט דער פאַטער שוין געהאַט פיל צרות. שוין זייט דעמאָלט ווען מען האָט הענריק'ן דערווייטערט פון גימנאַזיום "אַשוויאַטאַ" האָט ער זיך נישט לירטיש אויפגעפיהרט און שטענדיג איז געווען מיט איהם צרות, נישט איינמאָל האָט דער פאַטער לייבּוש בּאַרוך געמוזט בּעצאָהלען פאַר זיין זוהנדעל פערשידענע סומעס, וועלכע ער האָט אויסשאַנטאַזשירט אָדער געמאַכט גלאַטע חובות.

לייבּוש בּאַרוך איז אַ לאַנג־יעהריגער אָנגעשטעלטער אין דער אַפּרעטור פון לעבּרעכט מילער. דאָרט אהין האָט ער אויך אריינגענומען זיין זוהן אַבּער כּוף־כּל־סוף האָט מען הענריקן פון דאָרט געמוזט ארויסוואַרפען. פון דעמאָלט אָן **האָט לייבּוש בּאַרוך אינגאַנצען פערלוירען די קאָנטראָל איבּער זיין זוהן, וועלכער איז געזונקען אַלץ ווייטער. לייבּוש בּאַרוך האָט אפילו נישט געוואוסט אַז זיין זוהן**

(ווייטער זעה 9־טע זייט)

נאָך לאַנגע שווערע ליידען איז געשטאָרבּען אונזער ליבּע פרוי, הייסגעליבּטע מוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאַנטע

נ"ע

אסתר מרים שערמאַן

אשת ר' דוד נ"י

(פון דער היים מישליבּורסקאַ) אין עלטער פון 43 יאָהר.

די לוי' קומט פאָר היינט, מאָנטאָג, דעם 21 דעצעמבּער 1936. 12 אַ זייגער בּייטאָג פון טרויער־הויז פלאַץ וואָלנאָשטשי 11, וועגען וואָס ס'טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

נאנקינער רעגירונגס־מיליטער מארשירט אויף דער שטאט סיאן־פו

וואו ס'געפינט זיך דער ארעסטירטער טשאנג־קאי־שעק

לאנדאן, 20 (ספ. טעל.)

רויטער מעלדעט פון נאנקין: דאס רעגירונגס־מיליטער האט בענייט די מלחמה־אפעראציעס. ס'איז פארנומען געווארען די שטאט וואן־סיען, 75 קילאמעטער פון סיאן־פו, וואו ס'געפינט זיך געפאנגען טשאנג־קיי־שעק.

שאנכיי, 20 (ספ. טעל.)

לויט'ן אויפטראג פון יאפאנישען אויסערן־מיניסטער, האט דער אמבאסאדאר קוואגא אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן נאנקינער אויסערן־מיניסטער טשאנג־טשון און ערקלערט, אז יאפאן וועט נישט בלייבען גלייכגילטיג, אויב די כינעזישע רעגירונג וועט מסכים זיין אויף א צוזאמענארבייט מיט די קאמוניסטען געגען יאפאן. די יאפאנישע רעגירונג וואלט דעמאלט געהאלטען דעם שלום אויפ'ן ווייטען מזרח פאר בעדראהט.

טאקיא, 20 (ספ. טעל.)

די „דאמעא"־אגענטור מעלדעט: אין דאריאנ איז ארעסטירט געווארען א מאנדזשורישער בירגער ראליאן־טשין, וועלכער איז געפאהרען אין שליחות צו טשאנג־טסיו־ליאנג, ווי ס'זעהט אויס האט טשאנג סיו־ליאנג געוואלט ארגאניזירען אויף א ברייטען פארנעם אונרוהען אין מאנדזשוקא.

שפיאנאזש־אפערע אין פראנקרייך

ארעסטירט אנ'אלטע בעאמטין אין אויסערן־מיניסטעריום

פאריז, 20 (ספ. טעל.)

די פרעסע גיט איבער אין א סענסאציאנעלער פארם אייבצעלהייטען וועגען דעם ארעסט פון א בעאמטין אין אויסערן־מיניסטעריום, א געוויסער לינדער, וועלכע האט געארבייט אין אויסערן־מיניסטעריום זייט 20 יאהר, ווי אויך פון א געוויסען ראזענבערג, א ליטווישען בירגער. לינדער ווערט בעשולדיגט, אז זי האט ארויסגעגעבען פאר ראזענבערג'ן דאקומענטען, וועגען האנדעל מיט געווער.

גרויסער פראצעס אין לאמזשע

געגען 36 נארא־לייט פאר די אנטי־יודישע געשעהענישען אין ווּיסאקא־מאזאוויעצק

ווארשא, 20 (טעלעפאניש)

דינסטאג הויבט זיך אן אין לאמזשע א גרויסע פראצעס געגען 36 נארא־העלדען, וועלכע ווערען בעשולדיגט, אז דעם 21 אויגוסט ה. י. האבען זיי אנטייל גענומען אין די אנטי־יודישע געשעהענישען, וועלכע זיינען פארגעקומען אין וויסאקא־מאזאוויעצק. אין נאמען פון די געליטענע יודען טרעטען ארויס אויפ'ן פראצעס אדוו. גבריאל לעווין פון ווארשא און גאלדבערג פון לאמזשע.

230 סערטיפיקאטען פאר חלוצים

זיינען נעכטען אנגעקומען אין פאלעסטינא־אמט

ווארשא, 20 (טעלעפאניש)

דער צענטראלער פאלעסטינא־אמט האט היינט בעקומען 230 סערטיפיקאטען אויפ'ן חשבון פון די 590 סערטיפיקאטען, וואס פעלען וועט דאסמאל בעקומען. אלע 230 סערטיפיקאטען זיינען פאר חלוצים, פון זיי זיינען 150 פאר בחורים, 18 פאר מיידלעך און 62 פאר פאמיליעס. דער פאלעסטינא־אמט האט אויך בעקומען א מיטטיילונג פון דער יודישער אגענץ, אז ביים איצטיגען שעדיול וועלען נישט געגעבען ווערען קיין סערטיפיקאטען פאר המלצות.

ענגלישער קעניג האט אונטערגעשריבען דאס געזעץ

וועגען עפענטליכער רוה

לאנדאן, 20 (יט"א טעלעפאניש)

דער קעניג האט אונטערגעשריבען דאס געזעץ וועגען עפענטליכער רוה, וועלכעס איז אנגענומען געווארען דורך דעם פארלאמענט און לארדען־הויז. דאס געזעץ איז געווענדעט געגען די פאשיסטישע עלעמענטען, וועלכע האבען לעצטענס ארגאניזירט אנטיסעמיטישע אונרוהען. לויט דעם דאזיגען געזעץ וועט מען נישט טארען טראגען קיין מונדירען א.א.וו.

אינסטיטוט פאר נאציאנ. קולטור

אויפ'ן נאמען פון מארשאל פילסודסקי

ווארשא, 20 (טעלעפאניש)

אין סיים איז ארייגעפלאסען דער רעגירונגס־פראיעקט וועגען שאפען א אינסטיטוט פאר נאציאנאלער קולטור א.נ. פון מארשאל פילסודסקי. די ערשטע לעזונג פון פראיעקט וועט פארקומען אויף דער דינסטאג'דיגער זיצונג פון סיים.

בלוטיגער צוזאמענשטויס צווישען פאשיסטען און קאמוניסטען

איז פארגעקומען אין ליל

פאריז, 20 (ספ. טעל.)

די פאשיסטישע פארטיי פון דע־לא־ראק האט בעשלאסען אין ליל ארגאניזירט א פאשיסטישען מיטינג. די קאמוניסטען האבען געשטערט דעם מיטינג. ס'איז געקומען צו א בלוטיגען צוזאמענשטויס. א מיטגליד פון דער פאשיסטישער פארטיי איז געפעהרליך פערוואונדעט געווארען.

95 מוטערס מיט 812 קינדער

זיינען בעלוינט געווארען דורך מוסאליני

רים, 20 (ספ. טעל.)

מוסאליני האט אויפגענומען אין ווענעדיגער פאלאץ 95 מוטערס, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט האבען פיל קינדער. די אויסגעצייכענטע 95 מוטערס האבען צוזאמען געבוירען 812 לעבעדיגע קינדער. יעדע פון די מוטערס האט פון מוסאליני'ן בעקומען 5000 ליר אין מזומן און אסעקוראציע־פאליסעס.

אראבישע אדוואקאטען פון דמשק

צו דער ענגלישער קאמיסיע

ירושלים, 20 (יט"א טעלעגראפיש)

„אל־ליווא" האט אנגעהויבען צו פערעפענטליכען דעם איבהאלט פון א לענגערן מעמאריאל, וועלכען אראבישע אדוואקאטען פון דמשק האבען איבערגעשיקט דער קעניגליכער קאמיסיע און אין וועלכען זיי שטעלען זיך אפ אויף דער באלפור־דעקלאראציע, דעם מאנדאט, די צוזאגען, וועלכע מען האט געגעבען די אראבער, דער „כלומרשטער" פראצענטעט אין א"י א. אז. וו.

8-טונג, קצבים!

צוליב דעם, וואס עס איז נישט מעגליך געווען צודורכצופיהרען די גרופירונגען, פאדערט אויף די פערוואלטונג פון פליישער־צעך, אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון דער פערזאמלונג פון 20/XII, אלע קצבים, וועלכע ווילען ווייטער זיך פערנעהמען מיט'ן האנדעל פון כשר פלייש, זאפארט אבצוגעבען ביטעס אויף קאנצעסיעס, אמשפעטסטענס ביז דינסטאג, דעם 22/XII 1936;

דער סעקרעטאריאט פון צעך ערטיילט זעמטליכע אינפארמאציעס ווי אויך שרייבט ביטעס אויף קאנצעסיעס אין די ביורא־שעה'ן.

די פערוואלטונג פון פליישער־ און װאורשטענמאכער־צעך איז לאדז, ציגעל־גאס 28

געדענקט, ביי שטשעשליווי

א גרויסער אויסוואהל פון אריגינעלע בילליגער און טאמאשאווער סחורות אויף אנציגער און פאלטענס פון די בעסטע קוואליטעטען אויך פערשידענע רעשטען

סומס איז איבערצייגט אייך

R. Szczęśliwy

לאדז, 5 נאוואמיעסקא 5

טעל. 156-09.

נעדענקט פראנט II שטאק.

קליינהענדלער־פעראייך אויף דער שטאט לאדז, פריהייטס־פלאץ 3.

אלע מיטגלידער קענען אויסקויפען

פאטענטע אויפ'ן יאהר 1937

אין אונזער פעראיין, פריהייטס־פלאץ 3.

די פערוואלטונג.

Biuro pisania podań

do władz administracyjnych i sądowych.

Przepisywanie na maszynie.

M. AUGENFISZ

Łódź, Zawadzka 9.

די ביליגסטע קוועלע פון אלערארט נייע מאשינען, טיילען, נאדלען אז"וו אין ביי

Skład maszyn do szycia

Singer i Lachman

Łódź, Zydowska 2,

telefon 246-73.

די מאדערנע טאנץ־שולע

אויף פיעטריקאווער 89 קווער אפיצינע פארטער

אונטער דער לייטונג פון בעקאנטען דיפלאמירטען טאנץ־לעהרער

S. RUBINSZTAJN

נעמט אן איינשרייבונגען פאר אנפאנגער טעגליך פון 10 פריה ביז 10 אווענד. בעמ. פאר אוועקסירטע שבת און זונטאג פראקטישע לעקציעס.

ספעציעלע שטונדען פאר לאנג־געקליידעטע.

מיט אכטונג דיפלאמירטער טאנץ־לעהרער. ס. רובינשטיין.

לעטשניצע פון דאקטוירים־ספעציאליסטען

11 בזשעזשינער 11

טעל. 137-63.

עס נעהמען אן פאלגענדע דאקטוירים: ד"ר קויפמאן, ד"ר דינענזאן, ד"ר רויטער, ד"ר שפירא, ד"ר פארדעל, ד"ר י. איציכזאן, ד"ר סטופאי, ד"ר ראבינאוויטש־גינזבורג, ד"ר שמירגעלד נערווען־קראנקהייטען

און דענטיסטין סטאראפאלסקא.

וויזיטען אין שטאט. אלע ארט מעדיצינישע הילף. קאבינעט פאר פיזיקאלישער טעראפיע און רענטגען.

אלע ארט אימפונגען (געגען דיפטעריע און אנדערע).

ד"ר ראבינאוויטש־גינזבורג אינערליכע קראנקהייטען נעהמט אן פון 3—4.

Dr. med.

E. WAJNBERGOWA

אויגען־קראנקהייטען

Dr. med.

M. WAJNBERG

נערווען־קראנקהייטען

האבען זיך איבערגעצויגען אויף

LEGJONÓW 3 (Zielona)

tel. 172-20.

שאיע און פעלע

שווער צו טרייסטען אייך אינ'ם גרויסען אומגליק, וואס האט אויך אונז געטראפען צוליבן טויט פון אייער ליבען

יאסעל־קיוועלט

די משפחה ליסאק

אוירען, נאז און האלז און לונגען־קליניק

מיט בעטען פון Dr. Z. RAKOWSKI

פיעטריקאווער 67. טעל. 127-81

נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוועקס אפעראציע א. אז. וו. ווי אויך אמבולאטאריישעס פון 9-2 און פון 4-8 אווענד

ביי דער קליניק איז טעטיג א רענטגען־גאבינעט

פאר דורכלייכטונגען און אלערליי־פאטאגראפיעס

Dr.

Wajnberg

ספעציאליסט פאר לונגען, הארץ און ספלערען קראנקהייטען

145 פיעטריקאווער

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9-10 פריה, 8-5, 9-8 אוו.

ד"ר העללער

ספעצ. פאר הויט און וועגערישע קראנקהייטען און מענער־שוועכע

8 טראוגוטא 8. טעל. 179-89

נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אוונט

זונטאג פון 10—2 מיטאג.

פאר פרויען — א ספעציעלער ווארטע־זאל

פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזען

Dr. med.

P. Braun

ספעצ. פאר טריפער, סיפילים און הויט־קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער־שוועכע

צעגעלניאנא 4. טעל. 100-57

נעמט אן פון 8—2 מיטאג און פון 4—9 אוו.

ספעציעלער ווארטע־זאל פאר פרויען.

פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע־פרייזען

שרייבען שעהן און שנעל

לערנט אויס דער בעוואוסטער קאליגראף ל. בערמאן אין 15 לעקציעס. אויך ווערט אויסגעלערנט שרייבען א גוטען יודישען בריף אין 15 לעקציעס אפילו דעם, וואס קאן גארנישט שרייבען. די עלטער שפילט נישט קיין ראלע. די פרייזען—צוגענגליך. אלעע 1־טער מאי 4, ביי ליפשיץ.

Doktór

A. S. TENENBAUM

אינערליכע קראנקהייטען (ספעציעל לונגען)

Piotrkowska 109

tel. 220-25.

נעהמט אן פון 6—8 אווענד.

Dr. med.

M. TAUBENHAUS

צוריקגעקעהרט

ספעציאליסט פאר אקושעריע און פרויען־קראנקהייטען פערהיטונג בעגען שוואנגערשאפט

זגיערזשער 11. טעלעפאן 246-09.

נעמט אן פון 8—9 פריה און פון 4—8 אוו.

לעטשניצע פאר וועגערישע־קראנקע

מענער־שוועכע און הויט־קראנקהייטען

פון דאקטוירים ספעציאליסטען

45 פיעטריקאווער

טעטיג פון 9 פריה ביז 9 אווענד.

פרויען און קינדער נעמט אן א פרויען־דאקטער פון 1-11 און פון 5-7 אווענד.

א בעראטונג 3 זל.

Doktór

Klinger

ספעציאליסט פאר וועגערישע, הויט, האאר און סעקסואל־קראנקהייט

Andzrzeja 2, tel. 132-28

נעמט אן פון 9 ביז 11 פ.ן און פון 6 ביז 8 אוו

פערביסענע אנגריפען אויף מאדריד

זענען זיגרייך אפגעשלאגען געווארען דורכ'ן שפאנישען רעגירונגס-מיליטער

מאדריד, 20 (ספּ. טעל.)

אין קאָמוניקאַט פון דער מאַדרידער רעגירונג פון 20 ד. ח. ווערט געזאָגט, די אויפשטענדישע האָבן מיט גרויס פערביסענקייט אטאַקירט הער מאַדרידער פראָנט, אָלע אַנגרייפען זענען אָפּגעשטויסען געוואָרען נאָך אַ קאַמף פון עטליכע שעה.

דאָס רעגירונגס-מיליטער האָט זיך נערוקט פאָר־אויס נעבען קאַראַבאַנטעל.

אויפן גוּרנאַסער פראָנט האָט זיך דאָס רעגירונגס-מיליטער נערוקט פאָראויס און אָפּגעשניטען די קאָמוניקאַציע-ליניעס, וואָס פאַראייניגען זייער צפון-אַרמעע.

מאדריד, 20 (ספּ. טעל.)

אָפיציעלער קאָמוניקאַט פון קריגס-מיניסטער־יום פון 19 דעצעמבער 9 אָוונט: נעבען גוואַדאַראַמאַ קומט פאָר אַן אַרטילעריע-דועל, נעבען סאָמאָסיערא האָבן צוויי קאָלומנעס אויפשטענדישע אַטאַקירט וויילד און זענען געוואָרען אָפּגעשלאָגען, ליידענדיג גרויסע פערלוסטען, אויפ'ן מאַדרידער פראָנט זענען אַלע אַנגריפען אָפּגעשלאָגען געוואָרען.

סאלאמאנקא, 20 (ספּ. טעל.)

הער קאָמוניקאַט פון דער הויפּט-קוואַרטיר פון די אויפשטענדישע גיט איבער, אַז אויפ'ן מאַדרידער פראָנט איז אַטאַקירט געוואָרען דאָס רעגירונגס-מיליטער נעבען ווילאַ נעווא דעלאַ קאַנאַדאַ. דאָס רויטע מיליטער האָט געזאָלט ליידען פערלוסטען.

שפאנישע אויפשטענדיגע האבען פערברענט א סאוויעטישע שיף וואס איז געגאנגען קיין בעלגיען

מאסקווע, 20 (ספּ. טעל.)

די „טאַס"-אַגענטור מעלדעט: לויט אַנגעקו־מענע ידיעות האָט אַ קרייצער-שיף פון די אויפ־שטענדיגע אונטערגעצונדען און דערטרונקען אַ סאָ־וויעטישע שיף „קאָמסאָמאָל". דער גורל פון דער מאַנשאַפט איז נאָך נישט בעקאַנט. די שיף איז גע־גאַנגען קיין בעלגיען.

צוליב דעם דאָזיגען פערברעכען פון די אויפ־שטענדיגע אַטאַקירט שאַרף די סאָוויעטישע פרעסע די אויפשטענדיגע און רופט זיי אַן ים-רויבער.

אינטערנאציאנאלע בעראטונג איז פאריז

וועגען העלפען די שפאנישע רעגירונג

פאריז, 20 (ספּ. טעל.)

געכמען איז אין פאַריז פאַרגעקומען אַ בעראַטונג פון שפּאַנישע פּאַרטיען מיט'ן אַנטייל פון אַ דע־לעגאַציע פון די פראַנצויזישע לינקע, וועלכע האָט געווײַלט אין לאָנדאָן, זשיראָמסקי אַלס איינער פון די דעלעגאַטען האָט ערקלערט, אַז די שפּאַנישע רעגי־רונג אַלס לעגאַלע האָט רעכט אויף הילף און אין הסכם מיט דער מיינונג פון יוליוס דוידטש קען מאַד־ריד פערניכטעט ווערען אָבער נישט געוואונען ווערען.

דער ענגלענדער ראָבערטס (ליבעראַל) האָט גע־שילדערט די גרויזאַמקייטען פון באָמבאַרדירען מאַד־ריד.

וויקטאָר באַסעל האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די רעפּובליקאַנער פליִער באָמבאַרדירען נישט קיין אָפענע שטעט און אַז אַלע פּאָליטישע אַרעסטיר־טע זענען עוואַקואירט פון מאַדריד.

ד"ר מאַרפע (בעלגיען) האָט קריטיקירט די בעל־גישע רעגירונג, ווײַל זי העלפט נישט שפּאַניען, עס האָבן דאַן גערעדט אַלבערט באַרע (ראַדיקאַל) קאַר־שען (קאָמוניסט), עלענאָרע ראַטסאָן (ענגלישע דע־פּוטאַטין). פּראָפ. קעטין פון לאָנדאָן, האַלענדער און טשעסטען. דער לעצטער רעדנער פּראָפ. לאַנזשעווען האָט פאָרגעלעגט אַ פּראָיעקט פון אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ס'ווערט געגומען צוקענטניש דער ענג־ליש-פראַנצויזישער דעמאַרש פון 4 ד. ח. אָבער עס לאָזט זיך אַ פאַרבעהאַלט, אַז אויב דער שריט זאָל נישט געבען קיין רעזולטאַט, מוז פראַנקרייך צוריק האָבען פרייע הענד.

די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען.

פערזיכערסט דיין צוקונפט איינצאהלענדיג דיינע אפשפארונגען אין
BANK KUP. KRED.
לאדז, נור פיעטריקאווער 29.
ס'איז דייִן אינסטיטוציע, וועלכע היט וואכזאם דיינע אינטערעסען!

4000 זאקלאדניקעס וועלען בעפרייט ווערען דורך דער באסקישער רעגי־רונג.

פאריז, 20 (ספּ. טעל.)

די באַסקישע רעגירונג האָט געשאַפען אַ קאָמי־סיע, וועלכע דאַרף אויספאָרשען דעם אופן ווי אַזוי מ'זאָלען בעפרייט ווערען די 4000 פערזאָן, וועלכע געפינען זיך אַלס זאַקלאַדניקעס אין די טורמעס. אין צוזאַמענשטעל פון דער קאָמיסיע וועלען אַריינגעהן פאַרשטעהער פון אַלע ריכטונגען אין דער באַסקי־שער רעגירונג און אַ דעלעגאַט פון מיניסטעריום־ראַט. דאָס בעפרייען פון די זאַקלאַדניקעס זאָל פאָרקו־מען ערב די חגאות.

פון א מוראדיגער ערד-ציטערניש

איז פערניכטעט געווארען די שטאט סאן-סאלוואדאר

ניו-יארק, 20 (ספּ. טעל.)

די שטאָט „סאַן-סאַלוואַדאָר", די הויפּט-שטאָט פון דער רעפּובליק אונטער דעם זעלבען נאָמען איז היינט פערניכטעט געוואָרען דורך אַן ערד-ציטערניש. די שטאָט האָט אַ בעפעלקערונג פון 90 טויזענד מענשען.

ניו-יארק, 20 (ספּ. טעל.)

ס'איז אויך פערניכטעט געוואָרען פון דער ערד־ציטערניש די שטאָט סאַן-ווינסענט. די צאָהל קר־בנות איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען, אָבער זי איז זעהר גרויס.

איז בערלין זאמעלט מען געלד

פאר די שפאנישע רעפובליקאנער

בערלין, 20 (ספּ. טעל.)

אין בערלין איז געזאַמעלט געוואָרען געלד אויף צו שטיצען די שפּאַנישע קאָמוניסטען. די געלד־גע־בער זענען פערשריבען געוואָרען אויף ספּעציעלע ליסטעס, וועלכע זענען אַריינגעפאַלען אין די הענד פון דער פּאָליציי.

נייער בירגערמייסטער איז ליל

אויפן ארט פון מיניסטער סאלאנגרא

פאריז, 20 (ספּ. טעל.)

דער שטאָט-ראָט אין ליל האָט אויסגעוועהלט אַלס בירגערמייסטער, אויפ'ן אָרט פון טראַגיש־פערשטאָרבענעם מיניסטער סאַלענגראָ, דעם סאָ־ציאַליסטישען דעפּוטאַט וועגנאַנט.

בעפרייט אן אראבישען מערדער

ירושלים, 20 (יט"א טעלעגראַפיש)

דאָס אַפּעלאַציע-געריכט אין ירושלים האָט פריי געשפּראָכען דעם אַראַבער, וועלכער איז דורכ'ן קרייז-געריכט פערמשפט געוואָרען צו טויט-שטראָף פאַר ערמאָרדען דעם תל-אביבער יוד שלמה מאַרי־סאָן דעם 29 אַפּריל, אין דריטען טאָג פון אויס־ברוך פון די לעצטע אונרוהען אין א"י.

מעמאריאל פון די מזרח-קהלות

צו דער קעניגליכער קאמיסיע

ירושלים, 20 (יט"א טעלעגראַפיש)

די ספרדישע קהלה אין ירושלים האָט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מזרח-קהלות איבערגעשיקט דער קעניגליכער קאָמיסיע אַן אויספיהרליכען מעמאָריאַל אין וועלכען עס ווערט געשילדערט די פּאָליטישע לאַגע פון לאַנד און די עקאָנאָמישע זיכערקייט פון פאַר און נאָך דער וועלט-מלחמה. דער מעמאָריאַל ענטהאַלט פּראַקטישע פאָרשלאַגען, ווי אַזוי אויסצו־מיידען, אַז אין לאַנד זאָלען זיך איבערחזרן אונרוהען און ווי אַזוי צו פערווירקליכען דעם מאַנדאַט. אין מע־מאָריאַל ווערט געשילדערט די לאַגע פון א"י, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען די ג־וּיסע יודישע איינ־וואַנדערונג, און ווי אַזוי זעהט אויס איצט אַנ־ווייזענדיג דערביי אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די אַנדערע אַראַבישע לענדער, וואוהין יודען וואַנ־דערן נישט איין.

ווי מען רעכענט, וועלען עטליכע פּראָמינענטע פיהרער פון דער ספרדישער קהלה אויפטרעטען פאַר דער קעניגליכער קאָמיסיע.

לארד פיל ניצול געווארען

פון אראבישען באנדיטען-איבערפאל

ירושלים, 20 (יט"א טעלעגראַפיש)

דער פאָרזיצער פון דער קעניגליכער קאָמיסיע לאָרד פיל, איז געכטען ניצול געוואָרען פון אַן־איבערפאַל פון אַראַבישע טעראָר-באַנדיטען.

געכטען איז לאָרד פיל געפאָהרען פון ירושלים קיין ירחו. אַ האַלבע שעה נאָכדעם, ווי זיין אויטאָ־מאָביל איז פערביי געפאָהרען, איז אויף דעם זעלבען אָרט אָנגעקומען אַ גרעסערע באַנדע אַראַבישע טע־ראָריסטען, וועלכע האָבען אויפ'ן שאָסע אויס־געבויט באַריקאַדע אין פערהאַלטען פיגף אויטאָמאָ־בילען און בערויבט אַלע פּאַסאַזשירען. ביי צוויי ענגלענדער האָבען די טעראָריסטען צוגענומען דאָס געוועהר. אַן אַראַבישער שאָפער איז פערוואונדעט געוואָרען. די נעמען פון די ענגלענדער, ביי וועלכע די טעראָריסטען האָבען צוגענומען דאָס געוועהר, זענען מאַסאָן און פרימאַן.

קורץ נאָך דעם דאָזיגען איבערפאַל איז אויפ'ן אָרט אָנגעקומען מיליטער און פּאָליציי און גענומען איבערזוכען די געגענד. דערווייל איז קיינעם פון די טעראָריסטען נישט געלונגען צו פערהאַלטען.

SUKNA KORTY E.I. KAHAN PIOTRKOWSKA 80
SKŁAD KOMISOWY Z. BORNSTEIN S.A. STARZYCE

מאריצי מייזעל וועט זיין קאמיסאר פון דער ווארשעווער קהלה

רעפערענט האפטקע וועט ווערען דירעקטאר

ווארשא, 20 (טעלעפאָניש)

די פראַגע וועגען נאָמינירען אַ קהלה-פערוואַל־טונג אין וואַרשאַ איז שוין אַ זיכערע זאַך. ס'איז שוין בעקאַנט, אַז קאָמיסאַר פון דער וואַרשעווער קהלה וועט זיין מאָריצי מייזעל, געוו. וויצע-פּרעזעס פון וואַרשאַווער שטאָט-ראַט, אַלס דירעקטאָר פון דער קהלה וועט בעשטימט ווערען דער רעפערענט פון איבערן-מיניסטעריום האַפּטקע. די באַמינאַציע וועט זיין אויף אַן אומבעשטימטען טערמין. מ'רעכענט זיך אויף גרויסע רעדוקציעס פון פּערסאָנאַל און פון בעאַמטען-געהאַלט.

ווארשאווער הילפס-קאמיטעט און „דזשאינט"

האבען ארויסגעשיקט א גרעסערע סומע אויף קאנס-טרוקטיווע הילף אין די געליטענע שטעטלעך

ווארשא, 20 (טעלעפאָניש)

דער הילפס-פאַראיין ביי דער יודישער קהלה צוזאַמען מיט'ן „דזשאָינט" האָבען אַרויסגעשיקט אַ גרעסערע סומע געלד אויף קאָנסטרוקטיווע הילף אין די שטעטלעך: זאַמבראָוו, שניאַדאָוו, יוסאַקאַ מאַ־זאָוויעצק, טשערנאָוויץ, טשיזשעוו, אָסטראָוו מאַזאָ־וויעצק און טיקאָטשין.

פערמשפט פאשיסטישע אנפירער איז עסטלאנד

פאר צוגרייטען א מלוכה-אטענטאט

העלסינגפארס, 20 (ספּ. טעל.)

אַ גרויסען איינדרוק האָט געמאַכט דער אורטייל איבער די אָנפיהרער פון דער פּאַטריאָטישער ליגע פאַר אָנטיילנעהמען און צוגרייטען אַ נישט-געלונגע־נעם מלוכה-אַטענטאַט אין עסטלאַנד. די הויפּט-בע־שולדיגטע זענען פערמשפט געוואָרען צו טורמע איי־בער אַ יאָהר, ס'איז אויך פונאַנדערגעלאָזען געוואָ־רען די אָרגאַניזאַציע פון דער פאַשיסטישער יוגענד „סינימיסטאַ".

דאס מיליטער איז ארץ-ישראל

איז גרייטקייט-צושטאנד

ירושלים, 20 (יט"א טעלעגראַפיש)

פון אַלע קרייזען פון גאַנצען לאַנד ווערט גע־מאָלדען וועגען לעבהאַפטע בעוועגונגען פון די ענג־לישע מיליטער-אַפּטיילונגען וואָס געפינען זיך נאָך אין לאַנד פון דער ערשטער דיוויזיע, וועלכע איז אָנ־געקומען סוף סעפּטעמבער און אָנהויב אָקטאָבער קיין א"י אונטער דער איבער-קאָמאַנדע פון גענע־ראַל דזשאָהן דילל.

מען ערוואַרט, אַז יעדען מאָמענט זאָל פער־עפענטליכט ווערען אַן אַלגעמיינער בעפעהל פון שאַרפער מיליטער-גרייטקייט אין א"י.

אין יעוויסע קרייזען רעכענט מען זיך אפילו מיט דער מעגליכקייט פון ספּעציעלע קריגס-פּעראָרדנונ־גען.

שוין היינט ווערען אַלע שאָסעען אין גאַנצען לאַנד בעזעצט מיט שטאַרקע מיליטער-פּאַטרולען, וועלכע בעוואַכען די וועגען.

קאנפיסקירט אמוניציע ביי אראבער

ירושלים, 20 (יט"א טעלעגראַפיש)

בעת דער רעוויזיע ביי אַ יפו'ער אַראַבער אין הויז האָט די פּאָליציי ענטדעקט איין באָמבע, לערך 2000 פּאַטראָנען און 10 פלעשער פליסיגען אויפ־רייס-שטאָף.

א רבישע חתונה איז ווארשא

ווארשא, 20 (טעלעפאָניש)

דינסטאָג קומט פאָר אין וואַרשאַ אַ גרויסע רבישע חתונה, ס'האָט חתונה די טאָכטער פון פער־שטאָרבענעם קאָזשעניצער רבי מיט אַ זוהן פון סטאָלינער רבי.

צו דער חתונה קומען אַ גרויסע צאָהל רביים און זעהר פיל חסידים.

1-טע לעטשניצע
מיט שטענדיגע בעטען
פאר כירורגיע פון ציינער, קיהן-באקען און יאסלעס
פון Dr. med.
Sadokierski
פיעטריקאווער 56, טעל. 129-77.
עמפפאנגס-שעה'ן פון 9 פריה ביז 12 בייטאג.

Dr. REICHER
פאלודניאווא 28, טעל. 201-93
ספעציאליסט
פאר מענער - שוועכע - בעהאנדלונג
סעקסועלע בעראטונגען פון פסיכא - אנאליז
רענטגען-בעשטראהלונגען ביי הויט-קראנקה.
נעמט אן פון 8—11 פון 5—8 אוונד.
זונטאג און חגאות פון 9—12.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07
ספעציעל-ארצט פאר מענער - שוועכע-בע האנדלונג אין סעקסועלע בעראטונג
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אוונט.
זונטאג פון 9—1 פארמיטאג
פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזען

Dr. med.
HALTRECHT
ספעציעל-ארצט פאר הויט-, געשלעכטס קראנקהייטען און מענער-שוועכע
האט זיך איבערגעצויגען פון פעטריקאווער 10 אויף
161 פיעטריקאווער 161
טעל. 245-21
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצא-פרייזען

שווערע צייטען פאָדערן א שווערן קאַמף

פון דר. יעקב ווינאַדסקי

שווערע צייטען האָבען זיך אַרויפגערוקט אויף יודישע קעפּ אי אין גלות, אי אין א"י. דער אַנטי־סעמיטיזם, ב'שט קענענדיג קאָנקורירען מיט יודען אויף ערליכע, גלייכע תנאים, און, נישט וועלענדיג זיך מודה זיין דעריך, שטרענגט אָן זיין אַ־מעו שכל אויף צו שאַפען אַלעריליי סאָפיסטישע דריידלעך און פערפלאָנטערטע, גרונט־פאַלשע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פּשטלעך, כדי צו פערשעהנערען זיין מיאוס'ן כזלנישען פּרצוף.

דער אַנטיסעמיטיזם רוקט זיך פאַר די לעצטע יאָהרען אַלץ מעהר און מעהר אַראָפּ פון זיין פּאָליטי־שען פּעדעסטאַל און בעפעסטיגט זיך אַלץ מעהר אין האַטעל פון דעם עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטליכען פּער־דעל. דאָ מיינען די היינטיגע פּוילישע, ווי אַגב כמעט אַלע צענטראַלע אייראָפּעאישע אַנטיסעמיטען, האָבען זיי די יודישע אכילעס־פּיאַטקע, פון וואַנען אויס ס'וועט זיך זיי איינגעבען יודען סוף־כל־סוף בייצוקומען. דער דאָזיגער געדאַנק איז געוויס נישט קיין בייער; אָבער די פּוילישע אַנטיסעמיטען זוכען נישט קיין אָריגינאַליטעט, זיי ווילען נאָר גיין אין היטלער'ס דרכים, וועלכע וועט זיי פלומרשט דערפיהרען צום ציל...

וועט איהר דאָך אוודאי פרעגען: „סטייטש: דווקא די עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטליכע לאַגע איז דייטש־לאַנד וואָרט דאָך, זינט היטלערס „ליייזונג" פון דער יודישער שאלה, אַלץ קאַטאַסטראָפּאַלער?" בלייבט אַ קשיא! אויב „אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיא נישט", פרעגט מען דאָך אויף מעשים־תעתועים אוודאי קיין קשיא נישט!...

פאַר דער איינזייטיגקייט און פערבלענדעניש פון דעם פּוילישען אַנטיסעמיטיזם איז גאַנץ כאַראַק־טעריסטיש, וואָס ער זעהט נישט קיין שום סמיכת־הפרשה צווישען דער היטלעריסטישער „ליייזונג" פון דער יודישער שאלה און צווישען דעם ווירטשאַפט־ליכען צוזאַמענברוך אין דייטשלאַנד...

דער צווייטער „בייער" כאַראַקטער־צוג פון דעם פּוילישען אַנטיסעמיטיזם פאַר די לעצטע יאָהרען, אויך אַן אָנגעלייגטער אין דייטשלאַנד, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ פערווירקליכונג פון אַן־אַלטען אַנטיסעמיטישען במחילה אידעאַל, — בעשטייט אין אַ שטרעבען דורכ'ן פּערמאַנענטען פּאָגראָם און באַי־קאָט אָפּצובעמען ביי יודען אַלע מיטלען צום לעבען, נישט דערגענדיג איינגאַנצען פאַר דעם יודען:

„מיר מוזען דעם יודען פערטרייבען פון פּוילען; אי, דער יוד האָט זיך, דערווייל לכל־הפחות, נישט וואו אַהינצוטון זיך, איז — וואָס אַרט דאָס אונז ??..."

אויך, דאָ וואָלטען די פּוילישע אַנטיסעמיטען, ווען זיי וואָלטען נישט, לויט דעם אַנטיסעמיטישען סטייגער, געשלאָפען דעם וואָגען צום פערד, געקענט גרינג בעמערקען, אַז דייער רבי מיט זיין גאַנצער איינזייטיגקייט, עקשנות, גראָבליביקייט און בעגרע־ניצטען זע־פעלד — איז אויך אין דעם פּרט מיאוס דורכגעפאַלען! דעם בישטיגען הייליגע דייטשע יודען האָט זיך ב'ז איצט נישט איינגעגעבען צו פער־טרייבען פון דייטשלאַנד, נישט קוקענדיג אויף די ווילדעסטע מענשען־פרעסערישע מיטלען, וועלכע ווע־רען דערביי אָנגעווענדעט. הייבט ווי קען זיך דאָס איינגעבען מיט דריי אַ האלב מיליאָן יודען אין אַ פיל קלענערער לאַנד ווי דייטשלאַנד?

נישט קוקענדיג אויף די דאָזיגע און אַנדער'ע שטות'ן, גייט זיך דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם חוצפה'דיג מיט זיין שלעכטען צוברעכענעם אַלטען דעג, מיינענדיג, אַז נאָר יודען וועלען אויף דעם דאָ־זיגען וועג ברעכען די קעפּ, יודען און נישט פּאָליאַ־קען! דער פּוילישער, ענדעקישער אַנטיסעמיטיזם שטעלט זיך פאַר קיין נאַרישקייט נישט אָפּ, אויב דאָס קען נאָך זיין מיינונג דערפיהרען דערצו, אַז פּוילען זאָל פּטור ווערען פון איהרע יודען, מיט ווע־מען די „אין איטליכען פּרט העכער שטייענדע אַריער" כלבען אָבער בשום אופן נישט קאָנקורירען אויף דעם יסוד פון פּאַקטישער גלייכבערעכטיגונג!...

די דאָזיגע ענטוויקלונגס־פאַזע פון דעם פּוי־לישען אַנטיסעמיטיזם האָט פּוילען קיין גוטס נישט געבראַכט און קען געוויס אויך אויף להבא קיין גוטס נישט ברענגען, האָט אָבער די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פּוילישע יודען זיך שטאַרק פערערגערט: די יודישע פּרנסה'לאָזיגקייט וואַקסט פון שעה, יודען ווערען אַרויסגעשטופּט אַלץ מעהר פון זייערע פּאָ־זיציעס; עס וואַקסט כסדר די יודישע אָרימקייט איינאיינעם מיט דעם גיכען אַנוואַקסען פון דעם ווילדען און חוצפה'דיגען אַנטיסעמיטיזם... די יודי־שע מאַסען רוקען זיך אַלץ נעהנטער צו צום אָפּגרונט פון יאוש.

דאָס ערגסטע אָבער איז דאָס, וואָס עס מער־קען זיך נישט קיין בעוונדערע סמנים פון אַ גוט אָר־גאַניזירטען, גוט דורכגעטראַכטען און ענערגיש גע־פיהרטען יודישען קאַמף פאַר'ן קיום, בשעת דער שונא איז בעוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס, איז גוט, אָפשר זייער גוט אָרגאַניזירט און ווערט פון אַלע זייטען גוט אונטערשטיצט!... פון די ווירטשאַפט־ליכע אָרגאַניזאַציעס ווייזען נאָך די „גרויסע" כוח'ות אַרויס אַ וועלכע ס'איז שטרעבונג צו אָרגאַניזירען זיך בעסער און צוועקמעסיגער; די קליינהענדלער און די האַנדווערקער אָבער פּאַסען זיך זעהר ווייניג צו צו דער געשאַפענער שווערער לאַגע: זיי לאָזען זיך כמעט אומעטום שלעפען פון דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האַלט פעסט אין זיין האַנד די איניציאַטיוו... בישטאָ, ווער עס זאָל זיך שטעלען בראש פון די דאָ־זיגע מאַסען און זאָל אָרגאַניזירען די דאָזיגע מאַסען אַזוי, אַז זיי זאָלען קענען פיהרען אַ קאַמף פאַר'ן קיום, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די בעדירפנ'קייטען און שוועריגקייטען פון איצטיגען מאָמענט...

די פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס וואָלטען איצטער, גראָד איצטער געקענט און בעדאַרפט אַרויסשטעלען זיך בראש פון דער אָרגאַניזאַציע־אַרבייט און פיהרען די מאַסען אין געשלאָסענע רייהען קעגען זייערע רח"שונאים, — די פּאָליטישע פּאַרטייען פערשטע־הען על־פּי־רוב נישט די ערנסטקייט פון דעם מאָ־מענט און פערנעמען זיך נאָך אַלץ צופיל פון אייך זייט מיט די הויכע וועלט בעגליקענדע אידעאַלען, וועלכע מוזען דאָך שוין ממילא די יודען גליקליך מאַכען; פון דער אַנדער זייט לייגען זיי איצט צו־פיל כוחות אויפ'ן פּרוכטלאָזען קאַמף צווישען זיך מיט אַלע זייגע אומעטיגע, פון האַלו קריכענדיגע סקאַרבאָווע בגוגים...

די פּאָליטישע פּאַרטייען זענען אָבער אייגענטליך דער כח, וואָס דאַרף זיך אין אַזאַ מאָמענט שטעלען בראש פון די יודישע מאַסען, ווייל דער קאַמף פאַר'ן יודישען קיום אין איצטיגען מאָמענט מוז געפיהרט ווערען נאָר אונטער דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער פאָהן!... אַלע איגעווייניגסטע ריידונגען, הן פון געזעלשאַפטליכער און הן פון פּאָליטישער נאַטור כו' זען רעדוצירט ווערען ביז צו דעם קלענסטען מי־נימום.

סימוז אונטער דעם דעמאָקלעס־שווערד, וואָס הענגט איבער יודישע קעפּ, געשאַפען ווערען אַ פּעראייניגטער יודישער אָרגאַניזירענדער און קעמ־פענדער כח, וואָס זאָל העלפען די יודישע מאַסען אייג־ציהאַלטען זייערע ביוואַיצטיגע פּאָזיציעס און נישט לאָזען זיך אַראָפּשווענקען פון דער איבערפלאַך דורך דעם מבול פון אַ ווילדען אַנטיסעמיטיזם, וואָס פערפלייצט איצט פּוילען!..

עס מוז געשאַפען ווערען אַן אָרגאַניזירטער קאַמף אויף די ערטער אין די שטעט און שטעטלעך.

די קהלות זענען היינטיגען טאָג די בעסטע צענטראַלע פּונקטען, פון וואַנען די פעדים פון דער ווירטשאַפטליכער מאַסען־אָרגאַניזאַציע זאָלען זיך פּאַ־באַנדערגיין.

די עקספּאַזע פון אויסערן־מיניסטער

דער אויסערן מיניסטער בעק האָט צום צווייטען מאָל אין לויפענדען יאָהר גענומען אַ וואָרט אין פּאַר־לאַמענט, ער האָט דאָס געטון פערענטפערנדיג זיך אַז אין משך פון יאָהר האָט די גרויסע צאָהל גע־שעהענישען געמאַכט נויטיג אַ אָפטערען אַנאַליז פון דער לאַגע. צוויי מאָל אין יאָהר צו רעדען וועגען דער אויסערליכער פּאָליטיק, אין דער צייט ווען די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע אויף דער וועלט ענדערט זיך אומאויפהערליך, פערוויקעלט זיך, ווען אין די פּוילישע פראַגען קומען פאַר גאַנץ בעדייטענדע ענ־דערונגען, געהערט נישט צו דעם אָפטען אַנאַליז פון די געשעהענישען. גיכער וואָלט מען געדאַרפט אַנ־הויבען די רעדע פון אַ פערשעמטען מודה זיין זיך אַז בעת אַנדערע אויסערן־מיניסטאָרען אין אייראָפּאַ האָבען שוין עטליכע צעהנדליג מאָל גערעדט, האָט דער פּוילישער אויסערן מיניסטער געשוויגען און האָט זיך ענטשלאָסען אויף אַ עקספּאַזע וואַהרשיינליך אונטער דער השפּעה פון זיין וויזיט אין לאָנדאָן, דאָרט האָט ער זיך בעמליך געקענט איבערצייגען, אַז די מיניסטאָרען ענטפערען אָפט אויף אָנפראַגען פון די דעפּוטאַטען וועגען דער אויסלענדישער פּאָליטיק, אַז מיניסטער אידען האָט אין משך פון די לעצטע וואָכען עטליכע מאָל גערעדט אין פּאַרלאַמענט, אויף סער אימליגען, ער האָט אָפּגעגעבען ערקלערונגען אין קלוב וועגען דער אויסערליכער פּאָליטיק.

דער מיניסטער בעק האָט נישט קלאָר אויפגע־קלערט, וואָס איז געווען דער ציל פון זיין רייזע אין לאָנדאָן, און וואָס זענען געווען די רעאַלע רעזולטאַ־טען פון זיין וויזיט, ער פערזיכערט נאָר, אַז עס איז פערהאַן אַ געוויסע געמיינשאַפט פון די אַנשויאונגען אין דער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע. אויב דער איינ־ציגער רעזולטאַט פון דעם וויזיט אין לאָנדאָן וואָלט געווען דער ווילען פון עפטערען אַנאַליזירען די אויס־לענדישע פּאָליטיק, און מיטיילען וועגען דער עפענט־ליכער מיינונג, וואָלט דער רעזולטאַט פון דעם וויזיט געווען אַ זעהר וויכטיגער אפשר באַך דעם וויזיט וועט דער מיניסטער זיין אויך אַזוי גנעדיג פאַר דער פּרעסע אין לאַנד און וועט וועלען אין דער פריער צייט, אין דער צייט ווען דער סיים און סענאַט פּונקט יאַגירען נישט (8 חדשים) איינלאַדען די זשורנאַ־ליסטען און אַנאַליזירען די אויסלענדישע פּאָליטיק.

עס זענען געווען אַ סך טעמאַטען, וואָס אינטע־רעסירען אין דעם מאָמענט די עפענטליכע מיינונג אין פּוילען אַנהויבענדיג פון דעם דאַנציגער פּראָב־לעם, ענדיגענדיג אויף די פּויליש־דייטשע בעציהונ־גען, שאַכטס רעדעס אונטערהאַנדלונגען וועגען אָפּ־צאָהלען פּוילען די פעלעגענע חובות פאַר'ן טראַנזיט. דער מיניסטער האָט אָבער צום סוף יאָהר בעשלאָ־סען זיך צו האַלטען אין דעם קאַלענדאַרען סיסטעם, אי' האָט זיך פערנומען מיט די געשעהענישען נישט אין דער רייהע פון זייער וואָגיגקייט, נאָר לויט דער צייט.

דער מיניסטער האָט זיך פערנומען מיט די פּוי־לישע שכנישע בעציהונגען, ער האָט פעסטגעשטעלט די ענטוויקלונג פון בעסערע בעציהונגען מיט די באַוויעטען און האָט ביי דער געלעגענהייט גענומען אַ וואָרט אַלס אַפּוטראָפּוס פון די באַלטישע מלוכות אַנערקענענדיג ווייטער, אַז עס האָט נישט געדראָהט קיין סכנה די אינטערעסען פון לאַטוויע, און עסטלאַנד אויסרעכענענדיג אין דער רייהע נאָך די שכנים האָט דער מיניסטער פערלוירען טשעכאָסלאָוואַקיען, אָבער דערפאַר האָט ער פערלוירען אונגאַרן, וואָס מוז פער־שטעהט זיך אַרויסרופען אַ ספּעציעלען טומעל ביי די געאָגראַפען, דאָס פערגעסענע טשעכאָסלאָוואַקיען איז דאָס ספּעציעל בעשאַנקענע אונגאַרן בעווייזט אַמבע־סטען, אַז דער קאַלענדאַר צוזאַמענשטעלונג פון דער מיניסטער ענטהאַלט צווישען די שורות אַ ביסעל רע־וואָלאַציע מאַטעריאַל און אַז באַך אַלע פּאַריזער ווי־זיטען, אונאָפּהענגיג פון דער וויזיט אין בוקאַרעסט און רעוויזיט אין וואַרשע איז אויפ'ן פּויליש־טשע־כישען פראָנט אַהן ענדערונג.

די אַלע, וואָס אינטערעסירען זיך מיט דער ענט־וויקלונג פון די פּויליש דייטשע בעציהונגען, וואָס בעציהען זיך קריטיש צום דייטש־פּוילישען אָפּ־מאַך און זיין דויערהאַפטיגקייט האָט דער מיניסטער אַנגערופען נערוועזע מיט אַ מערקווירדיגער רוהיג־קייט האָט דער מיניסטער בעק אויסגערעכענט ספּע־ציעל פאַר אַלע ווייזיטען די נישט אָפיציעלע וויזיט פון גערינגען אין פּוילען, אונטערשטרייכענדיג די בעדייטונג פון וויזיט פון גרויסן יעגער. אָפּזאָגענדיג זיך פון אַ בערוועזער אָפּשאַצונג פון דאָזיגען זאַך, דאַרף מען אָננעהמען, אַז מיניסטער גערינג האָט בע־זונדערס אויסגעצייכענט גערינגען צוליב דער וואַלד דיסקוסיע, וואָס קומט גלייכצייטיג פאַר אין דער סיים קאָמיסיע אויסדריקענדיג דערמיט אַ דאַנק דעם מיני־סטער פּאָניאַטאָווסקין, פאַר זיין אָנוועזענהייט בעת זיין עקספּאַזע.

פערשטעהט זיך, אַז אין דער עקספּאַזע האָבען זיך געפינען טענער און באַטען, וועלכע מען האָט אין די ביז איצטיגע רעדעס נישט געפינען. דער אָפּ־זאַץ, וואָס איז געווען געווידמעט פראַנקרייך, איז גלייך דעם אָפּזאַץ, וואָס איז געווען געווידמעט דייטש־לאַנד, דער טאָן איז עפּעס וואַרימער, ווייל די פערע־דיגונג איז קאָנקרעטער און רעאַלער. דער אויסערן מיניסטער שיקט אָפּ זייבע צוהערער צום פינאַנץ־מיני־סטער וועגען אויפקלערונגען, וועלכער וועט אין דער באַהענטסטער צייט רעפערירען דעם פּראָיעקט פון דער הלוואה אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען מיט פראַנקרייך.

דער אַנאַליז פון די געשעהענישען אין אייראָפּאַ איז אויסגעפאַלען אַזוי פּעסימיסטיש, ווי ביי אַנדערע אויסערן מיניסטאָרען. דאָס האָבען וואַהרשיינליך גע־מאַכט די שטאַרקע נערוועז, רוהיגקייט און די דעמאָג־סטראַטיווע אונטערשטרייכונג פון דער העכערקייט פון די פּוילישע מעטאָדען פון דער אויסערליכער פּאָליטיק איבער די שריט פון די אַנדערע מלוכות. עס איז אַלזאָ דערין געווען אַ סך אַנערקענונג פאַר דער אייגענער פּאָליטיק.

איבעראַל איז דער מיניסטער בעק געווען גע־רעכט, ער האָט פריהער געפאָדערט די אַנערקענונג פון דער אַנעקסיע פון אַביסיניען, ער האָט קריטיקירט די עקזיסטענץ פון נישט איבערריוענץ קאָמיטעט ער האָט זיך בעציגען קריטיש צו דער פעלקער ליגע, ער האָט געפאָדערט אַ פרידליכער בעהאַנדלונג פון די מלוכות, וואָס געהערען נישט צו דער ליגע (דייטשלאַנד, יאַפּאַן).

וואָס מעהר מיניסטער בעק האָט זיך דערווייטערט פון פּוילען, אַלס קאָנקרעטער און דייטליכער האָט ער פּרעציזירט זיין שטאַנדפּונקט. ווען ער האָט זיך צוריק דערנעהנטערט צו דאַנציג, איז דער סטיל געוואָרען אַלס דיפּלאָמאַטישער, ווייניגער קאָנקרעט און נאָר צווישען די שורות האָט מען געקענט פעסטשטעלען, אַז עס וועט קומען צו אַ פערשטע־דיגונג אין דער דאַנציגער פראַגע אויפ'ן חשבון פון דער דאַנציגער קאָנסטיטוציע, אַז די פאָרמולע וועגען אָפּהיטען די רעכט פון דער פּוילישער מינדערהייט וועט געגעבען ווערען אַלס אויסלייז־געלד, פאַר די פערגעוואַלטיגונג און ליקווידירונג פון די פרייהייט אויפ'ן שטח פון דעם שוין לאַנג אונפרייען שטאָט דאַנציג.

מען איז זיך אויך נישט בעגאַנגען אָהן די יודישען מאָמענט. דער אומגליקליכער עוואַקואַציע פּלאַן און די קאָלאָניזאַציע פילאָזאָפיע זענען אויך בעהאַנדעלט געוואָרען דורכ'ן מיניסטער בעק, די גאַנצע באַיקאָט אַקציע, דער גאַנצער „אוושעם" איז אויפגעקלערט געוואָרען אַלס אַ נאַטירליכער היסטאָרישער פּראָצעס, שוין נישט נאָר אין פּוילען נאָר אויף'ן געביט פון גאַנץ מזרח אייראָפּע.

ווען מען וויל אייגמאָל אין יאָהר אָדער העכסטענס צוויי מאָל זיך פערנעהמען מיט אַ איבערזיכט פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק, ווען אין אַ קאָמפּליצירטער צייט בעטראַכט מען די צווייטע רעדע אין משך פון יאָהר אַלס אַ אויסערגעוועהנליכע אַ־שטרענגונג, איז שווער צו ערוואַרטען, אַז די עקס־פּאָזע זאָל מעהר ענטהאַלטען ווי אַ יעהרליכער קאַלענדאַר איבערזיכט, מעהר ווי אַ בעריכט אין יאָהר־גאַנג פון „פּ. אַ. ט." וועגען דער אויסלענדישער פּאָליטיק.

מעגליך, אַז דער מיניסטער האָט בעטראַכט די רעדע נאָר אַלס פּלאַטפאָרם צו אַ דיסקוסיע, אויף אַ ווייגער איז בעשטימט געוואָרען די טעה לויט די איניציאַטיוו פון פּרעזעס פון דער קאָמיסיע פאַר אויסערליכע ענינים ביים סענאַט פּירשט לובאָמירסקי צום מאַרשאַלעק פּריסטאָר וועלען קומען דעפּוטאַטען סענאַטאָרען, עס וועט אויך קומען דער אויסערן מיניסטער בעק, אפשר אין דער דאָזיגער אַטמאָספער וועט דער אויסערן מיניסטער אויפקלערען די וועגען וועלכע עס איז נישט גערעדט געוואָרען בעת דער בעכטיגער דיסקוסיע. דאַ וועלען וואַהרשיינליך פעסטגעשטעלט ווערען פראַגען וואָס וועלען אין דער דיסקוסיע פון דער אויסערן קאָמיסיע פון סענאַט געשטעלט ווערען.

מעגליך, אַז דאַן וועט די צווייטע עקספּאַזע פון ... לירען דעם קאַלענדאַר כאַראַקטער וועט מעהר אויף קלערען די שכנישע בעציהונגען, וועט קאָנקרע־טיזירען גענוי די לאַגע אין דאַנציג, מעגליך אַז ... וועלען זיך דערוויסען, פאַרוואָס טראָץ אַלע וויזיטען און רעוויזיטען האָט דער מיניסטער בעק געשטעלט אויפ'ן ערשטען אָרט גערינגס וויזיט אין וואַרשע ... פעברואַר.

דער סענאַט, דערהויבען אַ דאַנק דער עקספּאַזע וואָס עס האָט געהאַלטען מיניסטער בעק, האָט ... דאַנקט מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטען. עס האָבען ... קלאַפּט בראַווא די סענאַטאָרען, די דעפּוטאַטען, ... האָט אויסגעדריקט אַנערקענונג דער פּרעמיער ... ראַל סלאַוואָי סקלאַדקאָווסקי, אַ האַלבע שעה ... געדויערט דאָס גליק פון סענאַט נאָך דער מפּלה, ... ער האָט געליטען מאָנטאַג.

רעגנ

וואָס שרייבט די פּוילישע פּרעסע וועגען עקספּאַזע פון מיניסטער בעק

די עקספּאָזע פון אויסערן מיניסטער בעק אין דער אויסערן קאָמיסיע פון סענאַט האָט אַרויסגערופען אַ סך קאָמענטאַרען, צופרידען איז פערשטענדליך די סאַנאַציע פּרעסע, דאַגעגען די אָפּאָזיציאָנעלע פּרע־סע בעציהט זיך צו בעק'ס ערקלערונגען מיט רעזערוו.

דער קאָנסערוואַטיווער סאַנאַטאָרישער „טשאַס" איז זעהר צופרידען פון מיניסטער בעק'ס ערקלע־רונגען וועגען דאַנציג. די צייטונג איז צופרידען און בערוהיגט. אָנווייזענדיג אויף דער גרויסער ראָלע, וואָס דאַנציג ערפיהלט פאַר פּוילען און אויף די גע־שעהענישען פון דער לעצטער צייט אין דער פריי־שטאָט האָט די צייטונג, און לויט מיר. בעקס ער־קלערונגען וועגען דער דאַנציגער פראַגע זענען שוין אַלע שוועריגקייטען בעזייטיגט געוואָרען. „שטיצענ־דיג זיך אויפ'ן עקספּאָזע פון מיניסטער — שרייבט דער „טשאַס" — דאַרף מען אַנערקענען, אַז די דאָזיגע געשעהענישען זענען ליקווידירט געוואָרען.

האָט דערמאָהנטען רוהף מיניסטער בעק געהריגנם וויזיט אין פּוילען איז, לויט דעם טשאַס געווען אַ דערגענצונג פון דער דערמאָהנונג פון אַלע אונזערע וויזיטען אין פערגאַנגענעם סעזאָן. „דאָס איז אויך געווען אַ דיסקרעטע אָנווייזונג פאַר די אַלע, וואָס בעמיהען זיך אויסצוגעפינען אַ אָרגאַנישע סתירה— צווישען דעם פּויליש־פראַנצויזישען בונד און דעם נישט אַגרעסיע אָפּמאַך וואָס איז געשלאָסען געוואָ־רען מיט דייטשלאַנד".

דער ענדעקישער „דזשעניק נאַראָדאָווי" שטעלט זיך דערווייל אָפּ נאָר אויף מיניסטער בעק'ס ערקלע־רונגען וועגען די דייטש־פּוילישע בעציהונגען, וועגען מיניסטערס ערקלערונג, אַז עס הערשט אַ געוויסע נערוואָזיטעט אין דער פּרעסע ביי ביידע צדדים, שרייבט די צייטונג:

„ה' בעק איז זיך טועה; אויב עס האַנדעלט זיך וועגען די פּויליש־דייטשע בעציהונגען קוקט דאָ די פּוילישע געזעלשאַפט מיט אַ געוויסע אונרוהיגקייט. דאָס ווייזט זיך בעזונדערס אַרויס ווען עס געהט וועגען די דאַנציגער ענינים".

און דער „דזשעניק נאַראָדאָווי" קלערט־אויף די סיבות פון דער אונרוהיגקייט.

„זי ענטשטעהט נישט פון דער פּראַקטישער סכנה וואָס שטעקט אין דער נאַטור פון דער ווירקליכ־קייט". ווער עס אָריענטירט זיך נאָר אַ ביסעל אין די אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען דער ווייסט אַז דייטשלאַנד קען זיך אין איצטיגען מאָמענט נישט ערלויבען אַרויסצורופען אַ אַוואַנטורע אויף מזרח־אייראָפּע, דער ווייסט, אַז עס איז געווען אַ ענטשיידענ־דער ווענדע מצד פּוילען בכדי זיי אָפּצוהאַלטען יעדען ריזיקירטען שריט.

אויב פערשידענע קרייזען און אינסטיטוציעס געבען אַ אויסדרוק זייער שטעלונג למשל אין דער דאָזיגער פראַגע, איז עס דערפאַר וואָס זיי ... נישט אָפּ דאָס פערהאַלטען זיך פון די פאַקטאָ... וואָס זענען דערצו בערופען געבונג קלאָר און ... שירען.

אַלזאָ, וואו זענען די סיבות פון דער בעאונ־רוהיגונג? דער עפענטליכער אינטערעס, דער ... טערעס פון דער פּוילישער אויסערליכער פּאָ... פאָדערט אויפריכטיג און קלאָר צו ענטפערען ... דער דאָזיגער פראַגע און דער ענטפער איז ... כער: די עפענטליכע מיינונג אין אונזער ... (מיר געהען איצט נישט אַריין צי ריכטיג אָדער ... ריכטיג) האָט נישט קיין צוטרוי צו דער ... מיט דער פּוילישער פּאָליטיק.

ווען די פּוילישע געזעלשאַפט וואָלט געגלויבט ... אַז אין קריטישען מאָמענט וועט געזאָגט ווערען ... שידען און אונגווידערופליך און; ווען זי וואָלט ... האָט די זיכערקייט אַז אין צוזאַמענשטויס מיט ... אַנדערען צד (דייטשלאַנד) וועט דער פּוילישער ...

(ווייטער זעה 10־טע זייט)

יודישע פיהרער און שריפטשטעלער וועגען יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט

זשער וועניג, אַ שעה אַנדערהאַלבען, ארומגע־זעהן גאַנץ איבערפלעכליך די גרויסע ארבייט, וואָס ס'איז בעשאַפען געוואָרען אין דעם אינסטיטוט. גע־בענטשט זאָלען זיין די הענט פון די ארבייטער. לאָזען זיי צוהרייטען ישטיינער, לאָזען זיי היטען די שטיינער פאַר בזיון אוהנער געשיכטע, און פון די אַלע גע־בוידעס וועט דאָך געבויט ווערען דאָס פאָלק ישראל באַרץ ישראל.

כ"ה אלול תר"צ, ווילנא.

מרדכי בן הלל הכהן

אחרון אחרון חביב. דער לעצטער בעזוך אין ווילנא — און דער שטאַרקסטער איינדרוק — איך וועל נישט דאַנקען די, וואָס האָבען עס געשאַפען נאָר ווינשען ערפאָלג און מוט צו דער ווייטערער אר־בייט. און וועל מיט פערגעניגען אויך צולעגען מיין האַנד צו העלפען אייך אין אייער ארבייט.

משה סטאַווסקי

אָקטאָבער 28, 1930.

היינט האָב איך געהאַט די זכיה צו בעזוכען „די פריינד פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט" און האָב דאָ געהאַט אַ געפיהל, וואָס איך קען גאָר נישט געניג אויסדריקען און ווערטער אויף הגל אחת. איך זעה, אַז דאָס, וואָס דאָ איז אויפגעטון געוואָ־רען האָט געפאָדערט פיל פלייס און ענערגיע, וואָס קען נאָר געמאָלט זיין ביי אַזעלכע איבערגעגעבענע און געטרייע אידעאַליסטען ווי די, וואָס זענען פער־בונדען מיט דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינ־סטיטוט.

אלכסנדר האַרקאַווי

יולי 26, 1931.

נאָך אונזערע וויסטעגישען — האָב איך דורכ־געלעבט אַ נחת־רוח בעזוכענדיג דעם ווילנער יודי־שען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט. געוואַלטיגע לייסטונגען, איך ווינש ווייטערדיגען דערפאָלג, וואָס וועט געזיכערט ווערען דורך די פרייטע יודישע אר־בייטער־מאַסען.

ל. האַלענדערסקי

(ראַטמאַן אין לאָדזער שטאָט־ראָט)

סעפטעמבער 22, 1931.

דער יוואָ איז אַ לויטערער קוואַל, צו וועלכען מיר אַלע אין אונזער ארבייט, און מיט אונז צו גליך די אַלע, וואָס קוקען אויס אויף אַ ווירדיגען און שיינעם יודישען קיום פאַלען צו און פרישען זיך אָפּ און שעפּען האָפנונג און מוט צו אויסלעבען זיך יודיש און שאַפען יודיש. אַלס אַזאַ, אַלס אונזער גייס־טיגע „אַלמאַ מאַטער", זיי אונז אין ליבשאַפט און אין ערפאָרכט בעגריסט.

משה בראָדערזאָן

דאָס האַרץ ווערט פול מיט פרייד זייענדיג דאָ. אַ דאַנק, אַ גרויסען דאַנק אייך!

מאַנע קאַץ

פעברואַר 4, 1932.

אַ שעה צייט האָב איך פערבראַכט אין „יוואָ" און אַ בעגייסטערטע פרייד בעהערשט. אַלץ איז דאָרט אַזוי יונג, אַזוי פריש און ארבייטס־לוסטיג, אפילו די עלטערע און אויך די זקנים זענען דוכט זיך אויך יונג אונטערן דאַך פון אינסטיטוט.

ח. י. בושוסטאַווסקי

2. פעברואַר 1936.

איך האָב מיט גרויס פרייד און געניג טואונג אַרומגעזעהן די גרויסע שפע און די הויכע מדרגה פון דעם יוואָ איך בין אויסערגעוועהנליך פערוואונ־

(פון בעזוכער־בוך פון ייוו"א)

ד'ערט פון דעם גראַנדיעזען אויפטו פון יוואָ און האָף, אַז דער אינסטיטוט וועט מיט דער צייט ווע־רען איינער פון די גרעסטע זאַמעל־צענטערן פון דעם יודישען וויסענשאַפטליכען און ליטעראַרישען שאַ־פען.

דייר יעקב וויגאָדסקי

פרעזידענט פון דער יודי־שער קהלה אין ווילנא

מערץ 22, 1933.

כל מקום שיש בו ספרים — אני בביתי. לזכרון בקורי הראשון בהמוסד יווא. עם ברכות מרובות וביחוד בקרבת התחיה.

נחום סוקולאָב

י"ט טבת תרצ"ד.

מיט אַנערקענונג און פערעהרונג מיט שטאָלץ און האָפנונג פאַר דעם ערשטען און איינציגען יודי־שען אינסטיטוט.

פראָפ. יה־שע־פישל שניאורסאָן

מערץ 13, 1934.

איך בין ענטציקט. דער פוח היצירה פונם יו־דישען פאָלק איז אומעטום דער זעלבער — ווי אין א"י אַזוי אין גלות.

מ. שניאורסאָן

(דירעקטאָר פון ירושלימער אוניווערזיטעט)

אַפּריל 22, 1934.

כ'גלויב, אַז מיר וועלן נאָך זוכה זיין צו זעהן ווי דאָס הויז וועט דערהייבען ווערען לפחות אויף נאָך עטליכע עטאַושען. אַ דאַנק אייך, געטרייע האָראַ־פאַשניקעס, אַ ברכה אויף אייער קאָפּ!

דייר א. סינגאַלאָווסקי

אַפּריל 28, 1934.

האַלט איהם היילג דעם סימן פון צעוואָרפענע נייסטיגע אוצרות. זאָל דער יוואָ די שפּעטערע דור־רות דערציילען פון אייער קולטורעלער פיאָנער־ארבייט.

אלעקסאַנדער גראַנאַך

יוני 5, 1934.

געטראַכט און מעזאָרגט וועגען דעם יוואָ אַ היפּש ביסעל יאָהרען, און איצט זוכה געווען צום ערשטען מאָל זעהן דעם אינסטיטוט. דער פונדאַמענט איז גרויס און שטאַרק. הלוואי זאָל איינגיכען אויפגע־בויט ווערען די איבערשטע עטאַושען און מיר זאָ־לען דערלעבען צו אַ פולשטענדיגען יודישען פאָר־שונג־אינסטיטוט און שפּעטער — צו אַ יודאיסטי־שען אוניווערזיטעט.

שמעון דובנאָוו

אויגוסט 25, 1935.

ווי אַל'אמת'ער טעמפּעל פון וויסענשאַפט קוקט דער אינסטיטוט מיט ליייער ליבשאַפט אויף אַלע שאַפונגען פון יודישען גייסט, וואָס איז צעזייהט און צעשפּרייט איבער לענדער און שפּראַכען. דער אינ־סטיטוט איז פאַר אונזער דור אַ נייע בערעכטיגונג פונם ערשטען יהוס־טיטל פון ווילנא — „ירושלים דליטע".

וו. לאַציקי־בערטאָלדי

פעברואַר 17, 1936.

שמחתי מאד לראות את ההצלחה של העבודה החשובה והקשה ואיך אליות של מנהלי לעובדי המוסד, תהי ברכה גליכם, והמשך העבודה ויגדל המוסד, להרחבת החמת ישראל בכל התפוצות!

דייר ראָבערט וועלטש

ועד. פון דער „יוד. רונדשוי" צענטראַל־אָרגאַן פון דער ציוניסט. אָרג. אין וויען.

מערץ 24, 1936.

מיט פיל פרייד האָב איך געזעהן די גרויסע נאַ־ציאָנאַלע ארבייט, וואָס ווערט געשאַפען אין איינציג־אַרטיגען אינסטיטוט פאַר דער יודישער קולטור.

דייר יוליוס ברוצקוס

(פיהרער פון דער יודענשטאַטס־פּאַרטיי)

פון 1932 ביז 1936, וואָס פאַר אַ ריזענשריט אין דעם וואוקס פון יוואָ! מיין אמת'ע בעוואונ־דערונג פאַר זייערע ענערגישע און איבערגעגעבענע פוייער און שאַפער.

דוד פינסקי

אויגוסט 24, 1936

געכאַפּט בלויז אַן ערשטען קוק. איך וועל נאָך קומען. ס'ווילט זיך נישט אוועקגיין.

ב. לאַקער

אָקטאָבער 15, 1936

אין טרויעריגען טאָג פון חבר וויחנילי'ס לויה— געהאַט אַ שטיקעל טרייסט: צום ערשטען מאָל גע־זעהן און ארומגעקוקט דעם פּאַרטיגען בנין פון יוואָ, זיינע אוצרות און אויסשטאַטונג — געזעהן, אגב, אַ ווינקעל וואו חבר וויחנילי האָט אריינגעלעגט אַזוי פיל נשמה און כוחות.

ח. ש. קאַזדאַן

פעברואַר 2, 1936.

אַ געפיהל פון ערהבענער חרטה בעהערשט נאָך מיין בעזוך אין יוואָ, וואָס איך האָב אין מיין ביי־איצטיגער טעטיגקייט גאָרנישט געלייסטעט פאַר דעם אינסטיטוט. מען מוז קאָנצענטרירען אַ סך כוחות צו שאַפען מאַטעריעלע און מאָראַלישע שטיצע פאַרן יוואָ, בכדי צוזאַמען מיט אונזער אַפּוועהר, פּאָלי־טישע דערהייבונגען, עקאָנאָמישען איבערבוי, — פון ירושלים'ער אוניווערזיטעט און ווילנער יוואָ צו ברענגען ליכט, קולטור און גייסטיגע ענטוויקלונג דעם יודישען פאָלק.

דוד צבי בערמאַן

גענעראַל־סעקרעטאַר פון צ. ס.— התאחדות אין פוילען

גאָר אַ וויכטיגער אויפטו געמענדיג אין אָנ־בעטראַכט, אַז ס'האָט נישט הינטער זיך קיין מלוכה־שע שטיצע.

קלמן מרמר

אויף מיין רייזע איבער די אייראָפּעאישע לענ־דער איז דער יוואָ געווען איינער פון די בעסטע, אנגענעהמסטע עטאַפּען.

ל. פאָגעלמאַן, (מיטארבייטער פון „פאָרווערטס" פרעזידענט פון י. ל. פּרץ־שרייבער פעראיין).

מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג האָב איך בע־וואונדערט די גרויסע קולטורעלע ארבייט פון דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט, — די שענ־סטע בלום פון אונזער יודישען גייסט וואָס כ'האָב

אַביסעלע קיביץ

(הומאָר פון טאָג)

— וואָס הייסט „אחד בפה ואחד בלב"?

— אַז מען נעהמט אין מויל אַ שטיקעל צוקער, דערמאָלט ווען מען טרינקט אַ זיסע גלאָז טיי.

* * *

— פאַרוואָס האָט אַ קבצן אַ סך קינדער?

— ווייל ער האָט נישט אויף וואָס צו מאַכען אַ ברכה, מאַכט ער די איינע ברכה „בורא נפשות"...

* * *

די צייט פון לעבען איז געטיילט אין דריי פער־יאָדען: עבר, הוה און עתיד. אין דעם עבר פערלירען מיר, דעם הוה וואַרפען מיר אַליין אַוועק און דעם עתיד, לויפען מיר נאָך און קאָנען קיינמאָל נישט כאַפּען.

בעגעגענט אין מיינע וואַנדערונגען איבער דער גאַנ־צער וועלט.

איזא קרעמער

מערץ 29, 1936.

מיט אַ טיפען אינטערעס האָב איך געזעהן אייער גרויסע קולטור־שאַפונג

ליב יפה

(דירעקטאָר פון קרן־היסוד, ירושלים).

דעצעמבער 10. 1935.

מיר זענען רייך אין אונזער אָרעמקייט, מיר זע־נען ארבייטסזאַם אין אונזער ארבייטסלאָזיגקייט, מיר זענען גליקליך אין אַ צייט פון צווייפעל.

ב. וולאַדעק.

סעפטעמבער 1, 1936.

נייגעריג אריינגעגאַנגען. אנטציקט און בעגייס־טערט ארויסגעגאַנגען.

דייר ל. וואָלמאַן, פיהרער פון „טאָזי"

אויגוסט 18, 1935.

דער בעזוך אינם יוואָ האָט מיך נאָך מעהר איי־בערצייגט, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט פונם פיינען ס'נטעמישען יחד, וועלכער וועט נישט מותר זיין אויף קיין אי־ן יודישער שאַפונג אין גאָר דער וועלט און וועלכער וועט ארומנעהמען מיט דער זעל־ביגער ליבע אַלץ וואָס יהדען לידען אַרורך און בוי־ען אויף בכל תפוצות ישראל.

מיט אמתער יראת־הכבוד

דייר אריה קובאָוויצקי

מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פאַרן יודישען וועלט־קאָנגרעס

אַפּריל, 1, 1936.

אין יוואָ האָב איך געזעהן און בעוואונדערט די טרעפען וואָס האָבען געפיהרט די איבערגעבענדיגע יו־דישע מאַסען פון דער אַלטער יודישקייט צו דער מאָ־דערנער, וועלטליכער יודישער קולטור. אַ סך פעסי־מיסטען פון דער לינקער זייט ווייסעל וואָלט איך גע־ראָטען צו קומען אויף קוראַציע קיין ווילנע און כורם כל אין יוואָ.

ב. שעפנער.

דעצעמבער 3. 1933.

די מיהאַמער קליינער און זאַמלער פון די שפּו־רען פון לעבען, טראַכטע ארבייטען און קאַמפען פון די יודישע מאַסען אין דער וועלט — דעם יוואָ — אַ תאַרציגען יישר כוח!

ז. ארטור (וואַרשע).

מיט פיל פרייד האָב איך געזעהן די גרויסע נאַ־ציאָנאַלע ארבייט וואָס ווערט געשאַפען אין איינציג־אַרטיגען אינסטיטוט פאַר דער יודישער קולטור.

דייר יוליוס ברוצקוס

(פיהרער פון דער יודענשטאַטס־פּאַרטיי).

צוועלף רעקאָמענדאַציעס

פון ג. ריקלין

— איגנאַטי פעטראָוויטש — זאָגט דער סעקרע־טאַר געגעבען אַ זאָג דעם דירעקטאָר. — איהר גע־דענקט דאָך אַדאי, אַז מיט צוויי וואָכען צוריק האָבען מיר אָנגעשטעלט אַ נייעם מענשען, אַן עקאָ־נאָמיסט.

— אָה, יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט. טאַקע אָנ־געשטעלט. דאָס איז דאָך ער... יאָ, יענער... ווי הייסט ער דאָרט?

— קירויושקין הייסט ער.

אַך, יאָ, קירויושקין. מ'וואָלט טאַקע אַמאָל גע־דאַרפט אַ שמועס טון מיט איהם, איך האָב איהם באַך גאָר נישט געזעהען... נו, ער אַרבייט גוט?

— יאָ, ער אַרבייט גוט. אָבער..

— וואָס „אָבער"?

— איך דענק, אַז מ'דאַרף איהם אָפּזאָגען.

— אָפּזאָגען? איך פערשטעה נישט. פאַרוואָס?

— ווייל פון זייבע פאַפּירן איז מיר עפּעס נישט איינגאַנצען קלאָהר וועהר ער איז געווען אַמאָל.

— נו, דאַרף מען דאָס אונטערזוכען און פעסט־שטעלען.

— דערויף האָב איך קיין צייט נישט. איך בין צופיל פערהאָרעפּען מיט ארבייט. בעסער אָפּזאָגען איהם און — פטור.

— אָבער איהר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז ער, דער קראַיושקין...

— נישט קראַיושקין, נאָר קירויושקין.

— נו, זאָל זיין קירויושקין... איהר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז ער אַרבייט גוט.

— יאָ, אָבער איך בעשטעה נישט פעסט דערויף, אַז ער אַרבייט זעהר גוט... ער אַרבייט... עס קען דאָך אָבער זיין, אַז ער איז גאָר אַ זשוליק און בע־האַלט זיך אונטער אַ מאַסקע, אַרבייטענדיג גוט. עס טרעפען זיך אַזעלכע זאַכען.

— הם... נו, אויב איהר האָט אַ חשד, אַז ער, דער קאַראַסאַיעוו...

— נישט קאַראַסאַיעוו, נאָר קירויושקין.

— זאָל זיין קירויושקין... אויב, זאָג איך, איהר האָט אַ חשד, אַז דער קירויושקין איז אַ זשוליק, אַ נאַפּעריסט, אַ שווינדלער, קען מען דאָך איהם נישט לאָזען איבערגעהען אין אַן אַנדער סאָוויעטי־שער אינסטיטוציע. מ'דאַרף מאַכען אַן אונטערזו־כונג, און אויב ער איז טאַקע אַ זשוליק, דאַרף מען איהם איינגאַנצען בעזייטיגען.

— איך זאָג נישט, איגנאַטי פעטראָוויטש, אַז ער איז אַ זשוליק, אַ שווינדלער. איך האָב דערויף נישט קיין שום בעווייזען.

— נו, דאַרף מען דאָס פעסטשטעלען.

— דערויף האָב איך קיין צייט נישט. בין צו־פיל פערהאָרעפּען מיט אַרבייט. בעסער וועט זיין וען מיר וועלען איהם שטילערהייט אָפּזאָגען פון דער שטעלע. דער אויסרייד וועט זיין, אַז מיר פער־קלענערן דעם שטאַב דאָ ביי אונז.

— ער וועט דאָך אָבער וועלען אַ רעקאָמענ־דאַציע.

— נו, וועלען מיר איהם געבען. דער נוסח פון דער רעקאָמענדאַציע וועט געהן אַזוי: „פאַר דער צייט, וואָס ער האָט געאַרבייט אין'ם טרעסט". „דער באָגעל פונ'ם סעזאָן", האָט ער זיך געוויזען פון זיין גוטער זייט".

— נו, אויב איהר ווילט אַזוי, איז זאָל זיין אַזוי, שרייבט איהם אָן אַזאַ רעקאָמענדאַציע און שיקט איהם אַוועק און מאַכט וואָס שנעלער.

אַזוי איז בעשלאָסען געוואָרען, און באַלד נאָכ־דעם זענען שוין ביידע, דער דירעקטאָר און דער סעקרעטאַר, געווען פערנומען מיט אַנדערע זאַכען.

— צו אונז אין טרעסט איז ער אָנגעקומען פונ'ם טרעסט „דער באָגעל פונ'ם סעזאָן".

— און פאַרוואָס האָט מען איהם פון דאָרט אָפּגעזאָגט ??

— ווייל מ'האָט דאָרט פערקלענערט דעם שטאַב. מ'האָט איהם אָבער אַ גוטע רעקאָמענדאַציע גע־געבען.

— מיר וועלען איהם אָבער אויך דאַרפען אָפּ־זאָגען.

— יאָ, מיר וועלען איהם דאַרפען, ווייל אין זיי־נע פאַפּירען איז עפּעס נישט איינגאַנצען קלאָהר וואָס ער איז געווען אַמאָל.

— איז טאַקע בעסער וואָס שנעלער פטור צו ווערען פון איהם. מאַלע וואָס ס'קען זיך טרעפען!

— יאָ. מאַלע וואָס ס'קען זיך טרעפען! איז זאָגט איהם אָפּ פון דער שטעלע, און גיט איהם אַ גוטע רעקאָמענדאַציע. אין דער רעקאָמענדאַציע זאָלט איהר שרייבען, אַז אונזער טרעסט שיקט אַוועק דעם עקאָנאָמיסט קירויושקין, ווייל די שטעלע, אויף וועלכער מ'האָט איהם גענומען, ווערט ליקווידירט אָפּגעשאַפט. איהר ווייסט שוין אַליין ווי מ'שרייבט אַזאַ רעקאָמענדאַציע

— וואָס טוט זיך מיט אייך? דער מענש האָט דאָך אַזעלכע גוטע צוויי רעקאָמענדאַציעס, טאָ פאַר־וואָס זאָלען מיר איהם אָפּזאָגען פון דער שטע־לע?

— ווייל אין זיינע פאַפּירען איז עפּעס נישט איינגאַנצען קלאָהר וואָס ער איז געווען אַמאָל...

— אויב אַזוי, איז שיקט איהם אַוועק. ביי אונז טאָר נישט זיין קיין אייבער, וואָס איז אונטער פערדאַכט.

— אָבער מיט וואָס פאַר אַנאויסרייד?

— אַ דאַגה אַנאויסרייד... גיט איהם אַ גוטע רעקאָמענדאַציע און שיקט איהם אַוועק...

אַ יאָהר צייט איז אַזוי אַוועק, און ביים עקאָ־נאָמיסט קירויושקין האָבען זיך אָנגעקליבען גאַנצע צוועלף רעקאָמענדאַציעס. און יעדע רעקאָמענדאַציע איז געווען אַ גוטע...

אָבער מיט די צוועלף רעקאָמענדאַציעס אין קעשענע איז ער אַלץ געבליבען אָהן אַ שטעלע.

זוכענדיג אַ שטעלע, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אינ'ם טרעסט „דער באָגעל פונ'ם סעזאָן" דאַרף מען האָבען גוטע עקאָנאָמיסטען, און ער איז אַוועק אַהין.

און אָט נעמט קירויושקין ארויס פון קעשענע די אַלע רעקאָמענדאַציעס און ווייזט זיי דעם דירעק־טאָר איגנאַטי פעטראָוויטש.

אַלע רעקאָמענדאַציעס, מיט'ן אויסנאַם פון יע־נער רעקאָמענדאַציע, וואָס ער, איגנאַטי פעטראָוויטש אַליין, האָט איהם מיט אַ יאָהר צוריק געגעבען. זי האָט ער איהם נישט געוויזען.

און ווען איגנאַטי פעטראָוויטש האָט איבערגע־לייענט די צוועלף רעקאָמענדאַציעס, איז ער געוואָרען שטאַרק בעגייסטערט:

— אָט אַזאַ מענשען ווי איהר זענט דאַרפען מיר! — האָט ער געזאָגט. — שוין אַ יאָהר װאָס איך זוך אַזאַ מענשען. געוואַלד, גוואַלד, פאַרוואָס זענט איהר צו מיר פריהער נישט געקומען? און זאָגט מיר, וויפיל קריגט איהר אַ חודש?

— פיר הונדערט רובעל.

— ביי אונז וועט איהר קריגען זעקס הונדערט. נישט וועניגער ווי זעקס הונדערט... און איך בין אַזוי צופרידען, אַזוי צופרידען פון דעם וואָס איך האָב, ענדליך, געפונען אַזאַ מענשען ווי איהר! אַ יאָהר צייט האָב איך אַזאַ מענשען געזוכט!..

(פונם סאָוויעטישען הומאָריס־טישען זשורנאַל „קראָקאָדעליי").

פון רוסיש: מ. אָ.

ביטערע רייזע פון 21 קאלישער חסידישע בחורים קיין גער און צוריק

היגער טאמאשאוו האט דער אנטיסעמיטישער שאפער געטעבה'ט „כיבא ניע פאיאדעז"־קריסטליכע לאבוזעס בעפאלען און צושלאגען איינציגע יונגעלייט. א דאנק פאליציי ווערען זיי הונגעריגע, אויסגע־מאטערטע אין טויט־שרעק געברענגט קיין טאמאשאוו

„טאָמאַשאָוער וואָכענבלאַט" דערצעהלט:

א גרופע פון 21 חסידישע בחורים פון קאליש, האָבען יענע וואָך בעשלאָסען צו מאכען זיך א שטי־קעל „יומא דפגרא" און פאָהרען אויף שבת קיין גער צום רבי'ן.

מילא, ס'זענען דאָך היינט מאָדערן אויספלוגען, טאָ פאַרוואָס זאָל דאָס אויך נישט שכיח זיין ביי חסידישע יונגעלייטלעך, וואָס ווילען זיין א שבת ביים רבי'ס טיש?

געזאָגט און געטון. אַ־ועק צום קאָלישער יי־דישען אויטאָבוסען־„אייגענטימער" צי־וויש און משוה געוואָרען אַ רייזע קיין גער און צוריק פאַר 270 זל. און ווילך מען איז געפאָהרען אין וועג אַריין און מאַקע מיט התלהבות געזונגען און געשמועסט אין לערנען ביז — אַ דריי קילאָמעטער פאַר גער, האָט דער קריסטליכע" שאָפער י. שענפעלד, וועמען צי־וויש האָט איבערגעגעבען דעם אויטאָבוס מיט די חסידישע פאַסאַזשירען צו פאָהרען קיין גער און צו־ריק שטעלען אַהיים — גענומען שטרייקען. ער פאָהרט נישט. עס קאָסט נאָך 30 זל. אַ געטומעל, אַ געשריי, א געדינגעניש, עס העלפט נישט. דער שאפער לאָזט זיי נישט ארויס פון אויטאבוס ביז מ'האָט איהם געמוזט אַריינרוקען די הוספה און ערשט דאַן איז מען אַריינגעפאָהרען קיין גער.

דער שבת איז אַדורך און אונזערע קאָלישער יונגעלייטלעך האָבען גענומען פאָהרען אַ היים. ארויס געפאָהרען זענען זיי פון גער זונטאָג האַלב צעהן פריה. אָבער אַדורכפאָהרענדיג גריצע, אַמשינאָוו האָט דער שאָפער שענפעלד ווידער גענומען כסדר אָפשטעלען זיך, שרייען און זידלען, ער וויל ווידער אַנ'הוספה. זענען אָנגעלאָפען שטעטעלדיגע יידען און געפועלט, אז ער זאָל ווייטער פאָהרען. קומענ־דיג זונטאָג אַרום האַלב פינף נ. מ. קיין סטאַרושיק בעבען טאָמאַשאָוו. האָט אונזער שאָפער, וועלכער איז אַגב אַנ'אַנט"ס נמ"ט, גענומען ווידער שטייקען. אָפגעשטעלט דעם אויטאָבוס און גע'טענה'ט „ניע פאָיאַדען" עס קאָסט נאָך 34 זל. דערביי האָט ער גע־מאכט קולות, געזידעלט או וגעדראָהט, פון וואָס מאכט קולות, געזידעלט און געדראהט, פון וואָס א חברה קריסטליכע לאָבוזעס פון סטאַרושיצער גע־גענד און זעהענדיג וואָס דאָ קומט פאָר, פערטשע־פעט די יונגעלייט אין אויטאָבוס, אַריינגעוואָרפען צו זיי שטיינער, שניי און בלאָטע, דראָהענדיג אין מיט מעסער. איינער פון די העלדישע לאָבוזעס האָט געכאַפט אַ שטיק אייזען און דערמיט צעשלאָגען עטליכע בחורים.

די געוואַלדען צווישען די פאַסאַזשירען צווישען וועלכע ס'האָבען זיך אויך געפינען 10 — 12 און 13־יעהריגע יונגלעך, זענען געווען אין לשער, זיי זענען געזעסען אין אויטאָבוס אין טויט־שרעק, עטליכע זענען פון די קלעפ צעבלוטיגט געווען. דעם שאָפער האָט דאָס אַלץ נישט גערט און ער האָט זיך ב'שט געוואָלט ריהרען פון אָרט, הגם זיי האָ־בען איהם געוואָלט איינלעגען טאַשען־זייגערלעך און וואַליזקעס אויף די 34 זל.

צוויי בחורים עטוואָס דרייסטערע זענען ארויס פון אויטאָבוס און געלאָפען אין איין אָטעם אין שטאָט אַריין נאָך פאָליציי, דאָ האָט זיי געטראָפען ה' א. ליבפעלד, וועלכער איז גלייך אַוועק אין פאָליציי־קאָמיסאַריאַט, פוניואַנען ס'איז געשיקט געוואָרען קיין סטאַרושין אַ פאָליציי־פּו... [illegible] וועל־כען די לאָבוזעס־שלעגער זענען פונאַנדערגעיאָגט געוואָרען און דער שאָפער האָט די הונגעריגע, מידע און [illegible] ויסגעמאַטערטע אָהן אַ גראָשען געלד אין קעשענע רייזענדער געבראַכט אין שטאָט אַריין.

די יונגעלייטלעך זענען אַריין אין גערער שטי־בעל אויף פאָלנאַ 13, וואו מ'האָט זיך פאַראייניטערע־סירט מיט זייער גורל, איינגעאָרדענט אַנ'איוענד־בויס, וועלכען זיי האָבען גע... [illegible] דערנאָך געשאַפט זיי געלד אויף הוצאות מיט דער באַהן אַהיים קיין קאָליש.

אַזעלכע איבע־לעבונגען האָבען אדורכגעמאַכט 2 חסידישע יונגלעך און יונגעלייטלעך פון קאָליש בעת אַ רייזע צום רבי'ן קיין גער און צוריק, יוע־ענדיג געוואָרפען, געפייניגט און געשלאָגען צוליב אַ אַנטיסעמיטישען שאָפער, אַנ'אָנגעשטעלטען ביי אַ יודישען אויטאָבוס אייגענטימער.

אויף א פייערונג ביי יוד. קוהלעז-גרעבער

א קינדער יום־טוב אין שארלערוא

שארלערוא.

אין דעם פערחושכטען און פערוואָגלטען קויל־ענגרובען - שטעטעל איז פאָרגעקומען א גרוי־סער, אינטערעסאַנטער יודישער קולטור יום־טוב.

הונדערט דריי הונדערט יודישע פאַמיליעס, וואוי־נען אין דעם דאָזיגען שטעטעלע, וואָס געפינט זיך א מהלך פון אַ שעה צייט פון בריסעל, אין סאַמע הארץ פון וואַלאָניע; דריי הונדערט יודישע פאַמיל־יעס, מיט וועלכע יודען אין בעלגיען זענען אַמאָל געווען „שטאָלץ" צוליב דעם, וואָס זיי זענען, לרוב, געווען פערנומען אין די קוילענגרובען, אָבער וועל־כע זענען אַליין היינט צופרידען דערמיט, וואָס זיי האָבען זיך דערשלאָגען צו ווייניגער שווערע פרנסות — כאָטש דער ישוב דאָ איז נאָך אַלץ דער מייסט־האָרעפּאַשנער פון די יודישע קבוצים אין בעלגיען.

עס איז באמת א פרייד צו זעהן וואָסערע שעהנע אינסטיטוציעס די דאָזיגע האָרעפּאַשנע, פונקט ווי דאָס שטעטעל, פערחושכטע יודען האָבען אין משך פון קאַרגע עטליכע יאָהר אויפגעבויט. פאַר־האַן דאָ זעהר א סך, פערהעלטנישמעסיג, יודישע אינסטיטוציעס און קלובען, דער עיקר אָבער איז דאָ שטאַרק ענטוויקעלט די „פועלי ציון — צעירי ציון"־פאַרטיי.

אַ דאַנק די טוער פון דער דאָזיגער פאַרטיי וועלכע האָבען פאַר דעם וויכטיגען צוועק צוגעצויגען צו דער מיטאַרבייט עטליכע אומפּאַרטייאישע און אַנדערש־דענקענדע יודען, איז דאָ מיט דריי יאָהר צוריק געגרינדעט געוואָרען די יודישע פאָלקס־שולע. אפילו האָט צו דעם צוגעהאָלפען די אַנטוואָרפּענער יודיש־העברעאישע צוגאַב־שולע, וועלכע האָט גע־וואָרגט פאַר אַ טיכטיגען שול־לייטער (דעם אין בעלגיען זעהר בעקאַנטען קולטור־טוער ה' א. טרעש־טשאַנסקי), אָבער די עיקר לאָסט פּוי דע"ר אויסהאַל־טונג און זאָרג פאַר דער שול איז געלעגען אויף די היגע אַקטיוויסטען, די ה"ה אַראָלאָן, קירשענצווייג, בוער, פירסט, פּלידערמאַן און פאַטאַשעוויטש. די

פון אונזער בעלגישען קארעספאנדענט

דאָזיגע מענשען, וועלכע זענען בכלל די אָנפיהרער פון דער היגער יודיש - נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט ליכקייט, האָבען טאַקי די גרעסטע פערדינסטען דער־פאַר, וואָס אין דעם פערוואָרפענעם יודישען ישוב איז געשאַפען געוואָרען — און פראָספּערירט אַ שולע וואו עס לערנען אַנ'ערך 70 קינדער — יודישע גע־שיכטע, יודיש, העברעאיש און אַנדערע יודישע למודים.

איך האָב געהאַט דאָס פערגעניגען בייצוואוינען א לעקציע אין דער שולע. דער וואָס געדענקט דאָס שאַרלערואַ פון מיט עטליכע יאָהר צוריק, מוז וועראָ בעגייסטערט, זעהענדיג אויף וואָסערען זיין־קולטורעלען אופן די למודים ווערען געפיהרט. די קינדער, וואָס אַמאָל האָבען זיי נישט געוואוסט פשוט קיין צורת אלף, רעדען און שרייבען איצט א פרעכטיגען יודיש, פערשטעהן העברעאיש, זענען בעהאַוועט אין אונזערע פּראָבלעמען...

איהר ווייסט, אז די גרעסטע זאָרג אין די עמי־גראַציע־ישובים איז די ערציהונג פונם יודישען קינד אין די פערוואָרפענע יודישע קבוצים אויף ... ער פּראָווינץ. דערפאַר טאַקע איז די אַ־בייט פון דער שאַרלערואַר יודישער פאָלקס־שול וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט פון אַסימילאַציע די מייסטע היגע קינ־דער אין שול־על־ע' אַזוי א נגעהויער וויכטיגע.

* * *

אגב, איז די פייערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין „מעזאָן די פעפל" געווען א שעהנע דעמאָנ־סטראַציע פאַר די אויפטוען פון דער שולע.

כמעט דער גאַנצער ישוב איז דאָ געווען פער־זאַמעלט. וואָרעם דער יום־טוב פונ'ם דריי־יאָה־ריגען יובל פון דער שולע איז דער יום־טוב פונ'ם גאַנצען היגען ישוב. די קינדער־זענען אגב געווען די הויפּט־מחותנים אויף דער שמחה גופא: גע־ווען קינדער רעציטאַטאָרען, קינדער שוישפּילער (עס איז אויפגעפיהרט געוואָרען אַ קינדער־פּיעסע „חנה מיט די זיבען זיהן", ספּעציעל פערפאַסט דורכ'ן שול־ לייטער ה' טרעשטשאַנסקי לכבוד דער שמחה), — געווען אפילו קינדער־מוזיקער. און נאָכאַמאָל — אַ נחת געווען צו הער'ן דעם פרעכטיגען, פערל־דיגען, נישט געקינצעלטען יודיש פון די דאָזיגע קינ־דערלעך, וואָס האָבען מיט דריי יאָהר צוריק קיין יודיש וואָרט נישט געקענט!

געווען א באמת וואונדער־באַרער יודישער קול־טור יום־טוב, וואָס האָט בעוויזען צו וואָס פאַראַ שעהנע לייסטונגען עס זענען פעהיג יודען אין די פערוואָרפענסטע ווינקעלעך פון אונזער ציוויליזירטער... שפּ... ייטקייט.

מ. י. נירענבערגער.

יודישער יונגערמאן פון מעזריטש

בעקומען וויסענשאַפט־פּרעמיע פון פּילסודסקי־אוניווערזיטעט

פאר דאס יאהר 1936

מ עזריטש (יט"א) דער אבסאָלווענט פון דער וואַרשאווער העבערער האַנדעלס־אַקאַדעמיע לעוו פרידמאַן אין מעזריטש האָט בעקומען א מיטטיילונג פוי דעקאַן פון דער יוזעף־פּילסודסקי־אוניווערזיטעט אין וואַרשאַ, אז די וויסענשאַפטליכע פּרעמיע (300 ז.) אויף דעם יאָהר 1936 איז איהם אָנערקענט גע־וואָרען פאַר זיין ווערק „די ענטוויקלונג פון דער בערשטער־אינדוסטריע אין פּוילען". (מעזריטש איז ווי בעקאַנט, דער הויפּט־צענטער פון דער פּוילישער בערשטער־אינדוסטריע)־

ל. פרידמאַן איז איצט בעשעפטיגט אלס אַספּי־ראַנד פוי יוד. וויסענשאַפט. אינסטיטוט אין ווילנע.

ראדיא־ווינקעל

טעלעוויזיע אין פוילען.

...לעצטענס האָבען זיך אין דער ...גע פּרעסע בעוויזען א סך ידיעות ...וען די מאָר נאָהענטע פּראָיעקטען בנוגע ...לעוויזיע. די אַלע ידיעות זענען שטאַרק אי... געטריבען. פוילען האָט נישט די מעגליכקייט א... צוגעבען מיליאָנען זלאָטעס אויף אויפשטעלען ...סע טעלעוויזיע סטאַציעס, ווי מען זעהט עס אין ...לאַנד אָדער דייטשלאַנד. דאָך מוז מען זיך רע... מיט'ן געוואַלדיגען פּאָרטשריט, וואָס די טעלעוו... מאַכט דורך. און דעריבער מוז די זאַך פּאָרגעש... ווי זי זעהט אויס אין דער אמת'ן.

פוילען גנעהט מאַקע איינפיהרען טעלעוויז... בער עס האַלט נאָך ווייט נישט דערביי, אז די ב... מאַסען, זאָלען קענען דערפון גענוסען, דאָ גנעהט... אין א נאָך מעהר ווינציגע זאַך. אויפשטעלען א ... אינזשעניערען און קאָנסטרוקטאָרען וואָס זאָלען ... קענען אויף טעלעוויזיע טעאָרעטיש און פּראַ... דאָ גנעהט אין שטעהען אין כסדר'דיגען קאָנ... מיט די אויפטוען אויפ'ן דאָזיגען געביט אין ... לאַנד. בלויז דאָס איינע קאָן מען פּאָרלויפיג ... וואָרום אויף נאָך גרעסערע זאַכען איז נאָך קיין ... נישטאַ.

גאַנץ מעגליך איז אויך. אז בקרוב וועט די ... וויזיע ווערען א מאַרק אַרטיקעל און די טעל... קאָמוניקאַציע — א וויכטיגער פּאַקטאָר אין ...

די טעלעוויזיע סטאַציע בעשטעהט פון צוו... לען: א טעלעוויזיע און ראַדיאָ. די אויפגאַבע ... לעוויזיע טייל איז דאָס איבערזעצען די סצענ... קומט פאָר אויף דעם טעלעוויזיע אָביעקטיוו ... די עלעקטרישע אימפּולסען ארויף, דער ראַדיא... — האָט איז די אולטרא־ קורצוועליעדיגע ... וואו די עלעקטרישע אימפּולסען, וואָס קומען ... דער טעלעוויזיע אַפּאַראַטור. מאָדולירען דאָס ... ריאַרפאַליע, וועלכע שטראַהלט אָב פון דער אנ...

דאָס אויפשטעלען די טעלעוויזיע אַפּאַראַטור ... איבערגעגעבען געוואָרען דעם אינסטיטוט פאַר ... לעקמוניקאַציע. דער דאָזיגער אינסטיטוט אין ... פוילען איצט דער וויכטיגער צענטער פאַר ... ערפאַהרונגען און מען קאָן איהם נאָענט נאָ... אין אויסלאַנד.

די ראַדיאָ סטאַציע שטעלט אויף דער פּויל... ראַדיאָ, די דאָזיגע סטאַציע וועט שטעהן אויפ'... טען און 16־טען שטאָק פון וואָלקען קראַצער ... נאַפּאָלעאָן פּלאַץ אין וואַרשע. אויפ'ן דאך וועט ... געשטעלט ווערען א אַנטענע טורם פון עטליכע ... דיג מעטער. אזוי ווי דאָרט קומט אויס נאָר ... קען מען האָפען אז וואַרשע מיט איהרע אַרומ... געגנדען וועלען האָבען גינסטיגע בעדינגונגען אויף ... צונעמען טעלעוויזיע. אין עטליכע שטעט וועלען ... צוועקגעשטעלט ווערען טעלעוויזיע אַפּאַראַטען ... אזוי נאָך וועט דער ברייטער עולם זיך בעקענ... ערפאַלגען פון דער טעכניק בראַנזשע ווי מע...

מעגליך, אז שוין דעם קומענדיגען חודש ... וועט די אַפּאַראַטור זיין איינגאַנצען מאָנטי... אויספּרובירט.

סאַקראַטעס טראַגעדיע אויף ד... אַנטענע.

צווישען אַלע ווערק פון גריכישען פילאָזאָ... טאָ פערנעמען א בעזונדער אָרט די פּיער די... וואָס נעהמען אַרום די לעצטע לעבענס חדשי... רבי'ן זיינעם סאַקראַטעס, וועלכער איז ווי ... בעשולדיגט געוואָרען אין אָראָפּפיהרען די יוג... דרך הישר און איז אויך פערמישפּט געוואָרען צו ...

אָט די טעטראַלאָגיע אין איינע פון ד... רענדסטע דראַמעס וואָס די מענשליכע געשיכט... די גאָונישקייט פונ'ם העלד, די מאָראַלישע ... פּערע וואָס אין דער גאַנצער וועלט ליטעראַט... איהר גלייכען נישטאַ די עלעלי פּראָבלעמען ... ווערען דאָ געשפּילט און געלעזען — דאָס אלץ ... נאָך היינט, הגם שוין גאַנצע 2.400 יאָהר ... געלאָפען, אזוי, אז עס קומט שטענדיג אויס ... פריש. און דאָס אַלץ וועט איצט געבען דער ... שער ראַדיאָ.

אלזא: די טעג פון 18 20 און 12 הערען ... יאַ אפּאַנענטען „סאָקראַטעס'עס טראַגעדיע" ... אַלעקסאַנדער זעלוואַראָוויטש'ן אין דעם ס... טאָג, 12־ 18 א זייגער 30. 18 — „עאַוטיפ... זונטאָג,12־20 אז. 16.30 „סאָקראַטעס'עס ... דיגונג"; מאָנטאָג, 12־21 א זייגער 17.15־ „קריטאָן".

מוזיקאלישע נאטיצען

טראדיציאנעלער חנוכה־אוונט אין „הזמיר"

דער נס חנוכה איז דאָך א נס, אָבער, א גרע־סערער נס איז, וואָס א יודישער געזאַנג - פעראיין עקזיסטירט נאָך אין די היינטיגע צייטען.

אונזער עלטסטער געזאַנג־פעראיין „הזמיר" עק־זיסטירט און זעצט פאָרט זיין אידעלע אַרבייט מיט דעם זעלבען פליס, וואָס פריהער, און דאָס איז בעזונדער איצטער אָנגענעהם צו קאָנסטאַטירען.

„הזמיר" זינגט לידער אונטער דער יוגענדליך ענערגישע לייטונג פון דיר. י. זאַקס מיט דעם זעל־בען שוואונג און ערפאָלג ווי קאָמפּאָזיציעס פון גרעם טען פאָרמאַט „ועל ידי כהניך", האָט דער מענער־כאָר אָנגעהויבען מיט א שמעלצענדיגער פּיאַניסימוס און מיר האָבען שוין געהאַט דאָס פאַרגעניגען, אז „על נהרות בבל" (א קאָמפּאָזיציע פון הויזען ווערט) „על הנסים" פון שקלאַר. זילבערצוייג „שבת בין השמשות" (פון זעלבען שניט ווי הפּט משמים), שפּרם „שיר הציונים" (הבל אל דאבדין, דער שע־פער פון דעם פּרעכטיגען ליד איז לידער אין בלי־הענדען עלטער ערשט נישט לאַנג געשטאָרבען), און זילבערצוויג „מרש פלישתינא", וועלכער ווערט פער בלייבען פּעראייבינט דורך זיין כאַראַקטעריסטישער

פאָרם, און דערביי ריין יודישען אינהאַלט — וועלען געזונגען ווערען מיט די זעלבע קוואַליטעט און אַטריבוטען, ווי מיר זענען עס געוואוינט צו הערען פון הזמיר־כאָר. אין די לידער און נאָך די לידער האָבען מיר געהערט די סאָליסטען פון כאָר, פּרל. אנאָוויסקאַ און פּ. נאָקסמאַן און א דועט פון ליבליך־מעלאַדישער געמיטליכקייט (מיר גלויבען אז דאָס איז א געבורט פון זאַקסען) געזונגען אידעל געזאָגט, אפילו שעהמענדיג זיך. און זאָלען זיי זיך שטימען, מוז מען דאָס שעצען און פלעגען, אויב נישט, קומט דאָס אַרויס, ווי מיר האָבען ס'געהערט: אין טאָן שמאָל, דער אַנדערער צו ברייט. אָט הערט מען א צופּיל וויבריר ענדיגען טאָן, און אָט איז ער צו שטייף, אויסער דעם איז די וואָקאַליזירונג א מאַנגעלהאַפטע. קורץ, עס פעהלט די אויספילדונג, דאָך, האָבען די יוגענדליכע זינגער געהאַט ערפאָלג, וויל זיי האָבען דאָך גוטע שטימען.

דער ה' הענריק פעפער, האָט דאַגעגען אָנגעהויבען צו זינגען שעהן און אויסדרוקספול (איבער זיין שעהנע באַריטאָן שטימע האָבען מיר שוין געהאַט די געלעגענהייט צו שרייבען), וואָס האָט ביז איצט געשוואַנקט, און דאָס איז נישט קיין וואונדער, ה' פעפער געהט אין חדר.. און זינגט פון חדר אזוי גוט, ווי שוין גאָר נישט קיין חדר יונגעל, נאָר ווי א זינגער, אויך אין די אַנדערע לידער האָט ער זיך אַרויסגעוויזען ווי א רוטיניירטער זינגער און דער־פאַר געהאַט דעם פערדינטען ערפאָלג!

און קען דען זיין א טראַדיציאָנעלער חנוכה - אוונט אין הזמיר, אָהן אונזער אזוי בעליבטען א. מאָשקאָוויטש? זיינע רעציטאַציעס רופען אַרויס שטורמישען בייפאַל און מיט רעכט. זיין רוה, מי־מיק און בעוועגונגען זענען אזוי טרעפליך און נאַ־טירליך, אז יעדער פראַזע איז א שפּיל־לייסטונג און יעדע בעוועגונג א פיגור, עס וואָלט נאָך טרעפליכער געווען, ווען אייניגע „שפּריך־טענער", וואָלטען נישט געווען האַלזדיג, זיי זאָלען קלינגען נישט אזוי שאַרף, בעזונדערס אין די אויסדרוקספולע פּאַרטיסימאָ - שטעלען, נאָר „גאַזאָל" ד. ה. מעהר געשטויסען פון רעזאָנאַטאָר דורך דער נאָז און נישט פון האַלז, אָבער מיט די שאַרפע טענער האָבען מיר פון ה' מאָשקאָוויטש אויך א גרויסען פערגעניגען.

יעזשי טשאפליצקי און פאוועל פראקאפיעני

זינגער מיט זעלטען גריסע שטימען, וועלכע מען מוז בעוואונדערען.

די סקאַלע פון טשעפּליצקיס באַריטאַן איז זעהר גרויס, כמעט צוויי אָקטאַווען און קלינגט בעזונדער גוט אין די אויבערע לאַגען. די אַרט געזאַנג זייַנע איז אויסדרוק און מאַכטפול. און גראַד דאָס געהערט נישט צו די מעלות ווייל זעלטען פערבינדעט זיך דאָס מיט די האַלב שטימע (מעצאַ וואָטשאַ), ב... אין די לירישע שטעלען.

אין די ווערדי אַריען, און נעמליך אין ד... מאַטישע שטעלען קומט די שטימע צום אויס... און ווירקט זעהר שטאַרק. אזוי אין אַלע אַרי... לידער, וואָס דער קינסטלער האָט געזונגען ניש... זיסט רופט מען איהם דער בעסטער באַריט... פוילען

פּראָקאָפּיעני איז נאָך אינטערעסאַנטע... דאַבענדיג א גרויסע באַס שטימע, רעגירט ע... איהר ווי מיט קלאַווישען. זיין אַרט געזאַנג ... אַלעקסאַנדער קיפּניס, מיט דעם אונטערשי... קיפּניסעס שטימע איז פיל ווייכער און עלאַ... און איז אימשטאַנד אַרויסצובעקומען די ... פּיאַניסימאָ, וואָס ביי פּראָקאָפּיעני הערט ... טענער

דער קאָנצערט האָט אָבער געגעבען צו ... אז מיר זענען אין ריכטיגען קריזיס אין ... טען: אַזעלכע צוויי זינגער און דער זאָל אין ... געווען פול.

...-ski

* * *

אויסבעסערונג.

אין דער רעצענזיע וועגען לידער קאָנצ... „שיר"־כאָר זענען פערהריסליך ארויסגעפאַל... מען פון די פערדינסטפולע סאָליסטען פ... יאַסקאָוויטש און שליוקוויטש, וועלכע ... ביינעווירקט צום גרויסען ערפאָלג פון קאָנצ...

ניי'ער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבן

ניי'ער פאלקסבלאט

מאנטאג, 21 ד' טבת תרצ"ז

דעצעמבער

זון-אונטערגאנג 3.25

זון-אויפגאנג 7.42

די ווינטער הילף און די יוד. פרנסהלאזע

גרויסע בעראטונג פון געזעלשאפטליכע טוער אין לאדז

דער יודישער ווירטשאפטליכער קאמיטעט אין ווארשא האט אינטערוועניר בשעתו ביים מיניס- טער פאר עפענטליכע שוץ קאשטשאלקאווסקי וועגן לעם, אז יודישע ארבעטסלאזע און פרנסה'לאזע זא- לען נישט בע'עוולהט ווערען ביים פערטיילען די ווינטער-הילף. די רעלעגאציע פון יודישען ווירט- שאפטליכען קאמיטעט האט העמאלט אנגעוויזען, אז ביי יודען קען מען נישט אזוי שטרענג בעהאנדלען די פראגע פון רעגיסטרירטע ארבייטסלאזע, ווייל דאס רוב יודישע ארבייטער האבען געארבייט אין וואר- שטאטען פון ווייניגער פון 5 ארבייטער, אזוי אז זיי ווערען נישט רעגיסטרירט אין ארבייטסלאזען פאנד. דער מיניסטער קאשטשאלקאווסקי האט דאן ער- קלערט, אז ס'איז נישט פאראן קיין שום טענדענץ צו בע'עוולה'ן יודישע ארבייטסלאזע און פרנסה'- לאזע ביים פערטיילען די ווינטער-הילף. דער מיניס- טער האט אבער אויסגעדריקט דעם וואונש, אז די הויפט-קאמיטעטען פאר ווינטער-הילף זאל האבען צו טון מיט א צענטראלער יודישער אינסטאנץ און נישט מיט קיין בעזונדערע אינטערווענציע.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט זיך דער יודיש- ווירטשאפטליכער קאמיטעט אין ווארשא געווענדעט צו דער לאדזער יודישער קהלה, אז די דאזיגע לאגע זאל אויפען נעבויט פון לאדז נישט פערנאכלעסיגט ווע- רען און אויך דא זאל געשאפען ווערען אזא צענ- טראלע יודישע אינסטאנץ וועלכער זאל שטעהן אין קאנטאקט מיטן לאדזער קאמיטעט פאר ווינטער- הילף.

אויפן גרונד פון דער דאזיגער ווענדונג האט פרעזעס מינצבערג אויף נעכטען צונויפגערופען א בעראטונג פון געזעלשאפטליכע טוער. נאכדעם ווי פרעזעס מינצבערג האט אדורכגעליענט די ווענדונג פון דעם ווירטשאפטליכען קאמיטעט האט זיך אנגע- הויבען א דיסקוסיע, אין וועלכער ס'איז אנגעוויזען געווארען, אז ביז איצט געניסט נישט די יודישע ארבייטסלאזע און פרנסהלאזע אין א גענוגענדער מאס פון דער ווינטער-הילף.

ס'איז דערצעהלט געווארען א פאקט, אז א יו- דישער רעגיסטרירטער האט בעקומען א צעטעל אויף 50 קילא קארטאפעל היות ווי דאס איז א חסר-

פעל מאנטאג, ער האט זי אבער שוין נישט בעקר מען, נישט קוקענדיג אויף דער אינטערוועניר פון די יודישע מיטגלידער פון קאמיטעט.

ס'איז אויך אנגעוויזען געווארען, אז בעת פאר איאהרען ווען די אקציע איז נישט געווען אזא טרני- סע האבען 600 יודען בעקומען מיטאגען אין דער יודישער קוך, בעקומען היינט קוים.. 4 יודען מי- טאגען אין דער יודישער קוך.

ס'איז בעשלאסען געווארען, אז פרעזעס מינצ- בערג זאל וועגען דעם גאנצען ענין אונטערהאנד- לען מיטן פארזיצער פון שטאטישען קאמיטעט פאר ווינטער-הילף פרעזידענט גאדלעווסקי.

ווייטער איז בעשלאסען געווארען צו שאפען א ספעציעלען יודישען קאמיטעט וואס זאל זיך בעשעפ- טיגען מיט דעם ענין און צו דעם קאמיטעט זאלען צוגעצויגען ווערען די יודישע מיטגלידער אין אלטער- מייגעם קאמיטעט די ה"ה: אייטינגאן, קאנסול מאקס קאן און יוליוש לעווסטיין.

אפשאפען די וויזעס אויף אויסלענדישע פעסער

אויפן פערלאנג פון די לאדזער ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס

האט די האנדעלס-קאמער ארויסגערוקט דעם פארשלאג

אויף דער איניציאטיוו פון די לאדזער ווירט- שאפטליכע ארגאניזאציעס איז די לאדזער האנדעלס קאמער ארויסגעטרעטען מיט א פארשלאג צום פער באנד פון די האנדעלס קאמער'ן וועגען אנגעהמען שריט אפצושאפען דאס וויזירען אויסלענדישע פע- סער אין די לענדער, מיט וועלכע פוילען האט א שטענדיגען האנדעלס-קאנטאקט.

די לאדזער האנדעלס-קאמער האט מאטיווירט איהר פארשלאג דערמיט, אז אויך אין אויסלאנד דארף מען נישט וויזירען קיין פעסער אין די לענדער, וועלכע האבען צווישען זיך האנדעלס אפמאכען און אויך דערמיט וואס דאס וויזירען פעסער בעשוועררט

די פוילישע בירגער ווי אויך די אויסלענדישע אנ- צוקניפען האנדעלס בעציהונגען. דאס וויזירען פעסער האמעוועט דאס קומען פון טוריסטען קיין פוילען און ברענגט צו א פערלוסט פון דעוויזען, וועלכע מווען בעצאהלט ווערען פרעמע קאנסולאטען פאר א פאס-וויזעס.

מיט א מבול-באיקאט-אויפרופען

איז נעכטען פערפלייצט געווארען די שטאט

אונזער שטאט איז נעכטען, אום זונטאג, ווען די געוועלבער האבען געמעגט אפען זיין, פערפלייצט געווארען מיט פערשידענארטיגע ענדעקישע באיקאט אויפרופען און אנטיסעמיטישע קאריקאטורען.

אין די אלע אויפרופען ווערען אלע יודען פאר- געשטעלט אלס קאמוניסטען און די קונים ווערען גערדראהט און געווארנט נישט צו קויפען ביי יודען פאר די חגאות.

ס'איז כאראקטעריסטיש, אז די אלע עקעלהאפטע בלעטלעך זענען נישט געדרוקט געווארען אין לאדז, זיי שטאמען פון ווארשא און פון פויזען און פון דארט האט מען זיי פערשפרייט אויף גאנץ פוילען.

די אויפרופען האט מען נעטיילט פראנק און פריי איבער דער גאנצער שטאט.

—✕—

קורסען פאר פארבען-הענדלער

די פארבען-הענדלער וועלען מוזען אפגעבען עקזאמענס

צוליב דעם, וואס אלע סוחרים, וועלכע פערי- נעהמען זיך מיט פארבען-האנדעל זענען פערפליכ- טעט אפצוגעבען א פאך-עקזאמען אין דער וואיע- וואודזטווע, ווייל אנדערש וועלען זיי פערלירען דאס רעכט צו האנדלען, האט דער דעטאליסטען- פערבאנד, לעגיאנוב 8a ארגאניזירט קורסען פאר פארבען-סוחרים. אויף די קורסען וועלען די סוחרים צוגעגרייט ווערען מיט אלע ידיעות, וועלכע זענען נויטיג אויסצוהאלטען דעם עקזאמען.

דער דעטאליסטען-פערבאנד נעמט אן איינ- שרייבונגען אויף די קורסען נאר ביז דינסטאג, דעם 22 דעצעמבער.

זעלבסטמארד

(א) אין זיין וואוינונג אויף מיעדזשעאנע 13 האט זיך מיט א ראזיר-מעסער איבערגעשניטען דעם האלז דער 27-יאהריגער ארבייטסלאזער עדוואורד גורסקי.

מען האט דעם זעלבסטמערדער געפונען אין א קאלוזשע בלוט. פאגאטאוויע האט איהם אין א שווע- רען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל.

די סיבה פון זאלבסטמארד איז געווען — מאנ- געל אין מיטלען צום לעבען.

קיין ארץ-ישראל

דורך טריעסט און קאנסטאנץ.

שיפסקארטען

אויף הר-ציון און הר-כרמל.

פעקלער קיין רוסלאנד

פינקטליך און שנעל

ערלעדיגט

דאס וועלט-רייזע-ביורא

Union Lloyd

42 פיעטריקאווער 42

טעל. 107-87.

נאר 3 קאנצערטען

זאל פילהארמאניע — נארושאוויטשא 20 — טעל. 213-84 —

פרייטאג, דעם 25 דעצעמבער, 9 אווענט און

שבת, דעם 26 דעצעמבער, 4 נאכמיטאג און 9 אווענט

פון מייסטער פון פאלקס-לידער

יאסעלע

קאלאדני

נאכ'ן וועלט-טורנעע, וואו ער האט געהאט אזא ריזיגען ערפאלג.

— פראגראם: —

1) צו שפעט (י. קאלאדני)

2) דער חלף און די זעג (א. שטיינבערג)

3) שמעון "צאצקע" (י. קקלאדני)

4) בטחון (י. קאלאדני)

5) משה'לע (י. קאלאדני)

6) דאס נערוועזע ווייב (י. קאלאדני)

7) דער בעל-יועץ (א. שטיינבערג)

8) שבת אין די וועלדער (נחום שטערנהיים)

9) דאס איינקל (נחום שטערנהיים)

10) געווארען א כלה (י. קאלאדני)

11) סאלדאטאלאק (י. קאלאדני)

12) דער שניידער (י. קאלאדני)

13) טעאטער (י. קאלאדני)

14) אהן א בילעט (י. קאלאדני)

15) דער פריזיער (י. קאלאדני)

און אנדערע.

גרויסע פערזאמלונג פון 1000 בעשעפטיגטע

פון ראד-פערקעהר

(א) נעכטען איז אין „דאם לודאווי" (פזשעיאזד 34) פארגעקומען א פערזאמלונג פון אנ'ערך 1000 מאן-פוהרמאנען און בעשעפטיגטע ביים ראד-פער- קעהר.

עס איז ארומגערעדט געווארען די לאגע אין שייכות מיט דעם געקינדיגטען קאלעקטיווען אפמאך פון אפריל ה. י.

עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז הגם צו אנ'אויסגלייך איז מען אויף די פארגעקומענע קאנ- פערענצען נישט געקומען — איז דער סכסוך דאך עט וואס געמילדערט געווארען, אזוי אז עס איז נישט

אויסגעשלאסען מ'זאל אדורכקומען בדרך שלום.

אזוי ווי עס זענען דורך די פערזאמעלטע אויך ארויסגעשטעלט געווארען הוספה-פאדערונגען, איז בעשלאסען געווארען עווענטועל צו פראלאנגירען אויף 3 חדשים דעם פריהערדיגען אפמאך און ווייטער פיהרען די אונטערהאנדלונגען.

די פערזאמעלטע האבען בעפולמעכטיגט די פער- וואלטונג, אין פאל ווען די אונטע-האנדלונגען זאלען נישט פיהרען צו קיין רעזולטאט — זאל פראקלא- מירט ווערען א שטרייק.

רעגיסטראציע פון פאבאר-יאהרגאנג 1916

(א) פונם 2 ביז'ן 15 יאנואר 1937 וועט אין לאקאל פון דער מיליטער - אפטיילונג ביי דער שטאט-פערוואלטונג (פעטריקאווער 165) ארויסגע- ליגנט ווערען צום בעזיכטיגען פון פעראינטערעסיר- טע פערזאנען — דעם פאבאר-רעגיסטער פון יאהר- גאנג 1916.

די פעראינטערעסירטע דארפען אין משך פון דער דאזיגער צייט קאנטראלירען, צי זיי זענען ריכ- טיג איינגעשריבען געווארען אדער צי זיי זענען נישט אויסגעמיטען געווארען אין דער פאבאר- רשימה, און אריינטראגען ענטשפרעכענדע אויסבע- סערונגען און אויפקלערונגען.

צוגאב פאבאר-קאמיסיע

וועט טעטיג זיין ד. 28-טען ד. ח.

(א) דעם 28. ד. ח. וועט אין לאקאל (פעטריק. 165) אמטירען די צוגאב פאבאר-קאמיסיע. שטע- לען דארפען זיך די פאבאר-אוצעס פון יאהרגאנג 1916 און עלטערע, וועלכע האבען נאך ביז איצט נישט רעגולירט די מיליטער-פליכט ... זיך שטעלען די וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון די 1. 4. 6. 7. 10. 12. 13. און 14-טע פאליציי-קאמיסאר יאטען.

א פאבריקס-סכסוך

(א) אין דער פאבריק פון „הירשבערג און בירנ- בוים" (וואדנא 23) איז אויסגעבראכען א סכסוך, מחמת'ן בעזייטיגען, אהן קינדיגונג, אנ'ארבייטערין.

דער קריסטליכער פראפ. פעראיין האט זיך גע- ווענדעט וועגען אנ'אינטערוועניר צו דער וואיעוואד- שאפט, און אויב די אינטערווענץ פון דער מאכט וועט נישט ברענגען צו קיין רעזולטאט, וועט פראקלא- מירט ווערען א שטרייק.

הילף פאר פאליאקען אין אויסלאנד

(א) מארגען 7 אין אווענד וועט אין וואיעוואדע- אמט פארקומען א פערזאמלונג פון בעזונדערע אר- גאניזאציעס. בכדי פעסטצושטעלען דאס פראגראם פון שאפען הילף פאר פאליאקען, וואס וואוינען אין אויסלאנד.

געביסען פון א הונד

(ז) אויף לאגעווניצקא גאס, האט זיך אויף דער דורכגעהענדער שרה פרידמאן (לאגעווניצקא 27) גע- ווארפען א הונד און זי צובּיסען.

אויף דוואסקא 38 איז צוביסען געווארען דורך א הונד דער 18 יעהריגער יאן סליווינסקי.

אין ביידע פאלען האט די פאגאטאוויע ערטיילט די ערשטע הילף.

אפטייקען.

היינטיגע נאכט - דיזשורען

(א) היינט ביינאכט דיזשורירען: ה. דוטקיע- וויטש (זגערזשער 87), י. הארטמאן (בזשעזשינער 24), י. הישפאנסקי (פרייהייטס-פלאץ 2), א. פערל- מאן (ציגעל-נאם 32), י. צימער (וואלטשאנסקא 37), ו. דאנילעצקי (פעטריקאווער 127), פ. וואיטשיצקי (נאפיורקאווסקיעגא 27).

ZACHETA

זגערזשער 26

היינט און פאלג. טעג!

גרויסער דאפעלטער פראגראם!

— I —

F. P. 1

ענטפערט נישט

אין די הויפט-ראלען:

CHARLES BOYER

און JEAN MURAT

— II —

„אריז פאר'ן נצחון"

מיט JAMES BAGNEY

אין דער הויפט-ראל.

אנהויב טעגליך 4 א זייגער נאכמיטאג,

שבת און זונטאג — 12 א זייגער בייטאג.

דעקלאַראַציעס פון די ריכטונגען

וועלכע אָפּגעגעבן ווערן אויף דער דריטער זיצונג פון שטאָט-ראַט

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס ס'איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן דער טערמין פון דער צווייטער שטאָט־ראַט-זיצונג איז געוואָרן אַקטועל די פראַגע פון אָפּגעבן דעקלאַראַציעס דורך די ריכטונגען.

ווי בעקאַנט וועט די צווייטע זיצונג פון שטאָט־ראַט זיין אַ ריינע וואַהל־זיצונג און אויסער די וואַהלען פון מאַגיסטראַט וועלן נישט קענען בעראַטן ווערן קיין שום פראַגען. דאַגעגען די דריטע זיצונג פון שטאָט־ראַט, אונאָפּהענגיג דערפון, צי דאָס פּרעזידיום וועט בעשטעטיגט ווערן אָדער נישט, וועט שוין זיין מיט אַ נאָ־מאַלער טאָג־אָרד־נונג. אויף דער דאָזיגער זיצונג וועלן די ריכ־טונגען אָפּגעבן דעקלאַראַציעס וועגן דער שטעלונג און אַרבייט אין שטאָט־ראַט.

היות ווי פ.פ.ס. און „בונד" זעיען נישט קיין איינהייטליכע פראַקציע, וועט פ.פ.ס. אָפּגעבן אַ בעזונדערע דעקלאַראַציע און „בונד" אַ בעזונדערע. אויך וועט אָפּגעבן אַ בעזונדערע דעקלאַראַציע דער פאָרשטעהער פון „פּועלי ציון".

וואָס שייך די יודישע בירגערליכע פראַקציעס איז, ווי מיר האָבן שוין מיטגעטיילט, דערווייל צו קיין איינהייטליכער פראַקציע נישט געקומען. אויף דעם אופן וועלן אָפּגעגעבן ווערן בעזונדערע דעקלאַראַציעס פון די ציוניסטען, „אגודה", פאָלקיס־טען און „התאחדות".

פאַרשטעהט זיך, אַז אויך די ענדעקעס וועלן אָפּגעבן זייער דעקלאַראַציע בנוגע זייער „שטעלונג" אין שטאָט־ראַט.

פאַראַן אויך אַזעלכע ביי זיי וועלכע האַלטען [illegible] „אַרויסשפּרינגען" און זיי ווילען יאָ קעמפען, [illegible] פראַקציע האָט זיי אָנגעזעצט אויף די לעצטע [illegible] און די דאָזיגע דריי ראַטמענער שיקלען מיט [illegible] אויג אויף לינקס און מיט'ן צווייטען אויג [illegible] רעכטס. ס'ווענדט זיך וועלכעס אויג וועט ביי [illegible] מנצח זיין.

פרעזידענט גאַדרעווסקי איז נישט געוואוינט דערצו.

דעם פאַרזיץ האָט געפיהרט פרעזידענט גאַדלע[illegible] סקי ער היצט זיך נישט, ער שרייט נישט, ער קלינגט אפילו נישט צופיל מיט'ן גלאָק, ער מאַכט אַלץ פלעג[illegible] מאַטיש און אויף דעם איפן וויל ער אַדורכפיהרן די זיצונגען, וועלכע זענען איהם נאָך בעשערט צו פיהרען אין לאָדז...

— כ'בין נישט געוואוינט דערצו, — זאָגט דער פרעזידענט צו די זשורנאַליסטען בעת דער הפסקה, ב'האָב קיינמאָל נישט געהאַט דערמיט צו טון.

קאָוואַלסקי נוצט אויס די דאָזיגע צוריקהאַלט[illegible] דיגקייט פון פרעזידענט און פרובט איהם צו [illegible] טירען :

— אויסצושליסען אדוו. וויצמאַן פון דער [illegible] צונג, אָפּנעהמען ביי מילמאַנען דאָס וואָרט, [illegible] לאָזען יודען רעדען.

און דער פרעזידענט „פערטיידיגט" זיך ביי [illegible] פריוואַט. איך האָב נישט קיין רעכט דערצו. איך [illegible] דערצו נישט געוואוינט.

— איהר דאַרפט זיך דערצו געוואוינען, [illegible] קאָוואַלסקי געזאָגט, מיר זענען דאָך אין שטאָט [illegible] ראַט.

„וויסאָקי סאַנדזשע".

דער איצטיגער שטאָט־ראַט האָט אַ גרויסען פּראָ[illegible] צענט אַדוואָקאַטען ראַטמענער. די פ.פ.ס. האָט אַדוו. [illegible] הערמאַן און קעמפּנער, די ענדעקעס קאָוואַלסקי, שווידלער און גראַכאָווסקי, די יודען וויצמאַן און שטרויכן.

און ס'טרעפט זיך גאַנץ אָפט אַז אַן אַדוואָקאַט זאָל אַרויפגעהן אויף דער רעדנער טריבונע און [illegible] רופען זיין רעדע מיט „וויסאָקי סאַנדזשע".

דאָס רופט אַרויס אַ געלעכטער, אָבער זיי האָבן נישט אינגאַנצען קיין טעות. די ראַטמענער אין [illegible] זער שטאָט־ראַט שטעהען פאַר עפענטליכען משפּט און דעריבער מעגען זיי זיך ווענדען צו דער עפענט[illegible] ליכקייט מיט „וויסאָקי סאַנדזשע".

דעם אורטייל וועגען זייער טעטיגקייט וועט [illegible] קע אַרויסטראָגען די עפענטליכקייט.

די צאהל יודישע ראטמענער איז א קליינע

אבער די ארבייט מוז זיין ערנסט און געוויסנהאפט

פון ראַטמאַן אַדוו. ז. שטרויך

די שווערע אויפגאַבע, וועלכע עס טראָגען אויף זיך די יודישע ראַטמענער אין איצטיגען שטאָט־ראַט לעגט אַרויף פליכטען סיי אויף זיי גופא, סיי אויף דער יודישער בעפעלקערונג בכלל.

מצד די יודישע ראַטמענער פאָדערט זיך מוט, אויסדויער און קאָנסעקווענץ, ביי דער פערטיידיגונג פון די יודישע רעכט. מצד דער יודישער בעפעלקערונג פאָדערט זיך מאָראַלישע הילף און אינטערשטיצונג פאַר דער דאָזיגער שווערער אַרבייט.

זאָל מיר זיין ערלויבט צו זאָגען, אַז פיל פון די קערפּערשאַפטען און אינסטיטוציעס, וועלכע טראָגען זיך אַרום מיט פאָדערונגען און פערלאַנגען לגבי דער שטאָט־פערוואַלטונג, דאַרפען זיי קודם כל צו ברענגען צום אויסדרוק טאַקע לגבי די ראַט־מענער, וועלכע זיי בעטראַכטען פאַר זייערע פאָרטרע־טער. די יודישע ווירטשאַפטליכע קרייזען, די האַנד־ווערקער, קליינהענדלער און סוחרים דאַרפען זייערע פאָסטולאַטען און וואונשען פאָרמולירען און אונז צושטעלען. אונזער צאָהל איז אַ קליינע, אָבער די אַרבייט מוז ערנסט און געוויסנהאַפט אויסגעפיהרט ווערן. די ציוניסטישע בעפעלקערונג אין לאָדז קען האָבן די הונדערט־פּראָצענטיגע איבערצייגונג, אַז דער כבוד און שטאָלץ פון נאַציאָנאַלען יודענטום וועט אין די „פּולע" מאָס אָפּגעהיטען ווערן. מיטאָר נישט איינפיהרען אַ פּאַניקע אָדער אפילו אַ פעסי־מיסטישע שטימונג. מיר יודען האָבן אַדורכגע־לעבט פיל שווערערע און ביטערערע צייטען, קיינ־מאָל איז קיין ציוניסטישער עסקן נישט אַריינגעפאַ־לען אין קיין פעסימיסטישען טאָן. דער קאַמף פאַר יודישע רעכט איז בערעכענט אויף דורות און איז נישט אָפּהענגיג פון מאָמענטאַלע שטימונגען. זייט רוהיג, אַז די וואָס האָבן איבערגעלעבט די פּורישקעוויטשעס און פּאָביעדאָנאָסצעווס וועלען אויך די היינטיגע אַנטיסעמיטישע „חכמים" איבערלעבען. זיי, די כלומרשטע יודען־קענער, וויסען נישט פון נצח ישראל, אָבער מיר קענען יאָ דעם טעם פון אייביגען יוד, ווייל מיר שטיצען זיך אין אונזער אמת'ער מאַכט אויף דער קראַפט פון אונזער נאַציאָנאַלען גלויבען אין היסטאָרישע אויסגעפּרובטער אויסגעהאַלטענ־קייט, נישט די באָבע־מעשיות וועגען אַנאָנימער מלוכה, [illegible] ווילדלעכישע פראָטאָקאָלען פון זקני־ציון וועלען אונז בייטשען אין אונזער גע־ראַנגעל, מיר שעפען אונזער יניקה און ווידער־שטאַנדס־כח, אין דער אונבעגרייפבאַרער, בעשטראַל־לענדע" זון, וואָס שיינט כּיף און אונזער נשמה פון דעם „פינטעלע יוד", וואָס לאָזט זיך נישט אָנ־פאַסען פון קיין שום אַנטיסעמיטישע טעאָריע.

אויי דעריבער האַלט איך פאַר נישט בעגרינדעט דאָס אָנוואַרפען זיך און יענעם אַ מורא. מיט'ן פולען בעוואוסטזיין פון דער שווערער אויפגאַבע האָב איך אַלס ציוניסטישער ראַטמאַן איבערגענומען די שליחות פון דער יודישער בעפעלקערונג און וויל זי מיט איהר הילף און מאָראַלישער אונטערשטיצונג בשלמות אויספיהרען.

פון דער ערשטער שטאט=ראט-זיצונג

(בילדלעך און בעמערקונגען)

צוויי און איינער.

אזוי איז עס אויסגעקומען, אַז יעדער יודישער ראַטמאַן מוז זיצען אין שטאָט־ראַט ביי איין טיש מיט צוויי ענדעקעס. פאַרוואָס איז עס גראָד אַזוי אויסגעקומען איז שוין אַן אַנדער זאַך. באַלד אין אָנהויב איז עס אויסגעקומען מאָדנע, אָבער אין לויף פון דער זיצונג האָט מען זיך צוגעוואוינט דערצו. אייגענטליך איז עס דאָך גאַנץ פערשטענד־ליך. די גרויסע רעכטע פראַקציע פערנעהמט די רעכ־טע זייט פון זאַל, די סאָציאַליסטישע פראַקציע פער־נעהמט די לינקע זייט און די קליינע פראַקציע אין מיטען. אזוי איז עס שטענדיג געווען. האָבען זיך דען גראָד איצט די יודען געדאַרפט אָפּשרעקען דער־פאַר, ווייל דאָס זענען ענדעקעס? בשום אופן נישט.

אַן אַנדער זאַך איז שוין וואָס די עטליכע יודען זענען באמת אויסגעשטעלט אויף לעבענס־געפאַהר, דערפאַר זענען זיי די „קרבנות" אונזערע און דער־מיט האָבען זיי זיך גערעכענט. אָבער ס'איז זיכער, אַז די 2 ענדעקעס האָבען נישט קיין שום געפאַהר מצד זייער ביי־זיצער אויף דער באַנק און דערפאַר האָט מען טאַקע געשמועסט אין שטאָט־ראַט אַז צו־ליב דעם האָבען זיך יעדע 2 ענדעקעס אוועקגעזעצט מיט איין יוד...

דעזערטער.

רוכט זיך, אַז ס'איז שוין נישט פאַראַן קיין איין זיהעל־וואָרט, קיין איין בעליידיגונגס־וואָרט אין דעם עסקלהאפטען, נידערטרעכטיגען ענדעקישען לעקסי־קאָן, מיט וועלכען די יודישע ראַטמענער האָבען נישט געזאָלט בעליידיגט ווערען דורך זייערע „קאָלעגען", אין שטאָט־ראַט. זוכען טאַקע די „גייסטיגע מוחות" פון די ענדעקישע „שטאָט־פאָטערס" כסדר נייע ע־מאַציעס פאַר זייער גאַלעריע און פאַר זיך אַליין. איבערחזרן כסדר „פאַרשיווי זשידזשי" און „זשי־זשי דאָ פּאַלעסטיני" ווערט דאָך נמאס, האָט דער יונגער אויפגייענדיגער שטערן פון די ענדעקעס גע־פרובט שעפען פון אַן־אַנדער ברונעם. נישט מיר, נישט דיר האָט ער אָנגערופען דעם אדוו. וויצמאַן דעזערטער. דאָס איז שוין נאָר עפּעס אַנדערש, אַ ראַטמאַן, וואָס דעזערטירט פון מיליטער, אַ פער־רעטער און פערשטעהט זיך, אַז דאָס קען נאָר זיין אַ יוד...

אדוו. וויצמאַן האָט פערקלאָגט אין געריכט, אַ שאָד די טרחה, ווייל ס'איז מוקצה מחמת מיאוס.

ס'קלינגט גאָרנישט פויליש.

אין איצטיגען שטאָט־ראַט זענען אַריין עטליכע ענדעקעס, וועלכע מ'האָט אין פריהערדיגען שטאָט־ראַט נישט געהאַט די זכיה צו זעהען. דאָס זענען די יונגע, די אַגרעסיווע, און ס'מאַכט עפּעס אַ מאָדנעם איינדרוק, אַז די דאָזיגע „נייע" זענען אַריין אין שטאָט־ראַט עפּעס לויט אַן אָפּמאַך פון די ענדעקעס מיט עפּעס אַ צווייטען צד...

עפּעס קלינגען די נעמען פון די נייע אַזוי מאָד־נע נישט פויליש: סליקאַר שווידלער, העלד, שולץ, האָט איהר געהערט אַזעלכע פוילישע נעמען. מיר קענען אַזעלכע דייטשע נעמען און זיי זענען טאַקע דייטשען. אַלזאָ, די אַגרעסיווע, די יונגע אין שטאָט־ראַט זענען דייטשען, וועלכע זענען געשטאַנען אויף די ענדעקישע ליסטעס. איצט איז קלאָר געוואָרען, וואו ס'זענען אַהינגעקומען די 12 טויזענד דייטשע שטימען, וועלכע זיי האָבען בעקומען אין יאָהר 1934 און אין יאָהר 1936 זענען זיי פערשוואונדען גע־וואָרען...

ס'רייסט זיך ביי זיי.

די ענדעקעס האַלטען אין זייערע צייטונגען מבטיח זיין אַז ס'וועט נישט געלינגען די סאָציאַליסטען ביי זיי אָפּצורייסען וועמען ס'איז פון זייער פראַקציע. דערווייל זעהט מען שוין עפּעס אַנדערש, איין ראַט־מאַן האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון זיין מאַנדאַט, נישט וועלענדיג מיטמאַכען די ענדעקישע קאָמעד־יעס. דאָס איז געווען דער אַלטער געוו. ראַטמאַן כנאָר, ער האָט זיך שוין איבערצייגט אין זייערע גרויסע העלדישקייט און אַלס אַזעלכער וויל נישט קעמפען, איז ער אוועק אַליין... ס'זענען אָבער

אויף 100 מענשען רויכערן 99
די איינציגע אונשעדליכע פאַפּיראָסן געזונד פּאַטענטירטע 4־וו אַטסאָווע גילזען זענען
„OSMAN"

פראָטעסט-פערזאַמלונג אין התאחדות

נעגען דער פערשטענדיגונג פון דער ציוניסטישער פראַקציע מיט דער אגודה אין דער קהלה

אין צוזאַמענהאַנג מיט די אונטערהאַנדלונ[illegible] פון די אלג. ציוניסטישער קהלה־פראַקציע מיט דער אגודה'ישער קהלה־מערהייט קומט היינט פאַר [illegible] „התאחדות" אַ פּראָטעסט־פערזאַמלונג. בעווידמ[illegible] דעם ראַזיגען ענין, אין דער פערזאַמלונג בעטיי[illegible] ליגען זיך די ה"ה: דר. ש. י. שוויג, ראַטמאַן [illegible] פלעטענבערג און דר. י. האַנדזעל.

פאר׳ אויפבוי פון ארץ-ישראל

דער קרן-היסוד-קאמפיין אין לאדז ווערט ענערגיש פארטגעזעצט

דער גרויסער היי־יעהריגער קאַמפּיין פאַרן ארץ ישראל אויפבוי פאָנד, וועלכער האָט זיך אָנגעהויב[illegible] אין לאָדז מיט בערך 3 וואָכען צוריק, ווערט אָנ[illegible] טענסיוו ווייטער געפיהרט אונטער דער לייטונג פ[illegible] ענערגישען דעלעגירטען פון קרן־היסוד דירעקטאָ[illegible] יום אין ירושלים, ה' אשר קאַלאַדני און ביי דער [illegible] טיילנהמע פון די אָנגעזעהענסטע ציוניסטישע עסק[illegible] פון דער שטאָט.

די אַקציע ווערט געפיהרט מיט ערפאָלג, ס'[illegible] רען בעזוכט די שטענדיגע תורמים פון קרן־היס[illegible] און גליכצייטיג אויך פערזאָנען, וועלכע האָבען [illegible] אהער זיי נאָך נישט בעטייליגט אינם ארץ־ישראל אויפבוי־פאָנד. מיט ציפרידענהייט מוז פעסטגע[illegible] שטעלט ווערען אַז דער ארץ־ישראל געדאַנק אַנגע[illegible] בערט די ברייטסטע שיכטען פון לאָדזער יודענט[illegible] און אַז די פאָדערונג צו שטיצען מאַטעריעל און [illegible] ראַליש דאָס אויפבוי ווערק פון דער יודישער [illegible] ציאָנאַלער היים געפינט אומעטום אַ פּאָזיטיווע [illegible] ציהונג און אַ געהעריג פערשטענדניש.

געשטארבען דער קרבן

פון דעם באנדיטען־אנפאל אונטע[illegible] אלעקסאנדער

(ז) ווי מיר האָבען מיטגעטיילט האָבען [illegible] 13. ד. ח. נישט ענטדעקטע באַנדיטען [illegible] דעם 47־יעהריגען פוהרמאַן פון דער פירמע פון [illegible] ראַל וואַסער „זדראַי" בערנאַרד מ־דעיסקי, [illegible] רענדיג פון איהם געלד.

ווען דער לעצטער האָט אָפּגעזאָגט האָבען [illegible] איהם צושלאָגען, בערויבט און ענטלאָפען.

מאָדעיסקין האָט מען געבו[illegible] פריה א שרעקלעכען און אָפּגעפיהרט אין שפּי[illegible]

בעכטען איז דער קרבן פון דעם בעסטיאַלי[illegible] אנפאַל געשטאָרבען.

די פּאָליציי זוכט די באַנדיטען, וועלכע [illegible] דראָהט אין פאַל מען זאָל זיי בעפּינען, טויט שטר[illegible]

דער גורל פון א פרוי

37) סענסאַציאָנעלער און שפּאַנענדער ראָמאַן

זי איז געגאַנגען איבער דער נאָס מיט פינסטערע גע־דאַנקען. אַנדערעס לעצטע ביטערע ווערטער האָבען זי איינגעגאַנצען פער'סמ'ט, דאָס וואָס ער האָט איהר געזאָגט, אַז מאָריס איז היינט געקומען אָפּרע־כען מיט איהר.

די צוויי דייטשען האָבען בעמערקט ווי זי לויפט הינטער זיי און זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט, כדי זי צו בעגעגענען.

— רחל, פערגעסט נישט צו קומען.

זי האָט געוואוסט, אַז די דייטשען רופען זי צו אַן'אַרבייט, וואָס איז נישט ערליך. אפשר גאָר צו אַ פערברעכען... דער נישט־גוטער האָט זיך שוין אין איהר אָבער בעזעצט און זי איז געווען גרייט אויף אַלץ : — איך וועל קומען !

ווען רחל איז אַרויף צו זיך אין צימער האָט זי זיך אין אָנטאָן אַ וואַרף געטון אין בעט אַריין. זי האָט נישט אָנגעצינדען קיין ליכט און מיט אָפענע פיבערדיגע אויגען איז זי געלעגען אין דער פינסטער און געפיהלט אַזאַ שווערקייט אויפן הארצען, אַז זי, האָט געמיינט, זי וועט נישט אויסהאַלטען, אַז אַט וועט פּלאַצען איהר האַרץ. אַל קוואַלען פון פּייז און האָפנונג און גלויבען האָבען ביי איהר אויס־געטריקענט און איבערגעלאָזט אין נעפיהל, וואָס האָט זי אומבּרחמנותדיג געפייניגט, זיין געשטאַלט איז איהר געשטאַנען פאַר די אויגען מאָריס ! מאָריס האָט מיך פערלאָזען ?

דער לעצטער שטראַהל פון האָפענונג, וואָס האָט אויף אַ קורצער צייט אויפגעשטראַהלט אין איהר ביטער לעבען, איז אויסגעלאָשען געוואָרען און ווי־דער וועט איהר לעבען זיין וויסט און פינסטער. זי וועט מעהר, אראָפּגייענדיג פון דער בּיהנע אין קאַ־באַרעט, נישט טרעפען מאָריסען זיצען און וואַרטען אויף איהר. זי וועט מעהר נישט זעהן זיין ליכטיג געזיכט. זיין ליבער שמייכעל וועט זי מעהר נישט צערטלען, ער וועט זי מעהר נישט טרייסטען און שטאַרקען מיט האָפנונג. איצט, ווען זי האָט גע־פיהלט, אַז זי האָט איהם פערלוירען. האָט זי ערשט בעגריפען ווי שטאַרק פערליבט זי איז אין איהם. ווי אַזוי זי קאָן זיך אָהן איהם נישט בעגיין. ווי אַזוי איהר לעבען אָהן איהם איז פאַר איהר גאָר נישט ווערט.

זי האָט געזעהען אַזוי פיל שלעכטס פון מענשען זי האָט בעגעגענט אַזוי פיל אומגליקען אין לעבען און דאָ איז מאָריס געקומען ווי אַ מלאך הגואל און איהר געוויזען אַזאַ אומענדליכע גוטסקייט און זי אָבגע־היט ווי אַ אויג אין קאָפּ. זי איז געווען עלענד: קיין מאַמען, קיין טאַטען קיין פריינד האָט זי נישט געהאַט און מאָריס איז פאַר איהר אַלץ אין לעבען... און איהם האָט זי שוין אויך פערלוירען... און וואָס וועט זיין וואָס וועט זיין?

זי האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון איהרע שרעק־ליכע געדאַנקען און פּרובירט טראַכטען פון עפּעס אַנדערש. אַלע ווײַלע האָט זי מיט דער האַנט אַ וויש געטון איבער'ן הייסען שטערן ווי זי וואָלט געוואָלט דאָרט עפּעס אויסמעקען און וואָס האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט אויסמעקען... איהר יעדען פער־זוך צו טראַכטען פון עפּעס אַנדערש האָט זיך נישט איינגעגעבען, ווי אַ קאָמפּאַס אין וועלכער זייט מען זאָל איהם נישט דרעהען, ווענדט דער ווייזער אַלעמאָל יו ויזען אין דערזעלבער ריכטונג. אזוי האָבען איהרע געדאַנקען, ווי זי האָט זיי נישט געדרייט זיך אַלץ אויסגעדרייט צו מאָריס'ן.

„איך בין אַ נאַר אַ גרויסער נאַר!" האָט זי מיט פערביטערונג, זיך אויסגעפרעסען, „אַנדריי איז גערעכט, אנדריי איז אַ'אומענש, אָבער קלוג און גערעכט איז ער! ווי האָב איך גאָר געקענט טראַכ־טען, אַז די ליבע צווישען מיר און מאָריסן וועט זיך אויסלאָזען גוט"!

(פאָרטזעצונג קומט)

פערברעכען און שמד

באַרוך

(ענדע פון דער ערשטער זייט)

האט זיך געשמדט און חתונה געהאט מיט א קריסטליכע פרוי.

הענריק בארוך האט נישט קיין מוטער, זיין פאטער האט חתונה געהאט מיט א צווייטער פרוי. נאכן טויט פון זיין מוטער האט הענריק דאס גאנצע

באלשינסקי

יאהר געזאגט קדיש אין דער ווילקער שוהל, וואו זיין פאטער דאווענט שטענדיג ביזן היינטיגען טאג.

די ידיעה וועגען דעם שטיקעל ארבייט וואס זיין זוהן האט אפגעטון, האט לייבוש באחוך (אנדזשעיא 24) געטראפען ווי א דונער, אין די ערשטע שעה'ן האט ער זיך בשום אופן נישט געלאזען איינרעדען, אז דאס איז געווען די ארבייט פון זיין זוהן. נאכדעם ווי ער האט זיך איבערצייגט, אז עס איז אזוי, **האט לייבוש בארוך זיך אנגעטון אין טלית און תפילין און זיך אוועק געזעצט שבעה נאך זיין זוהן.**

בנימין בודזינער האט גומל געבענטשט

שבת איז אין ווילקער שוהל געקומען צום דאווענען בנימין בודזינער, וועלכער איז אפגעראטעוועט געווארען פון די באנדיטענס הענד, ער האט בעקומען אנ'עליה און האט גומל געבענטשט, בעת דער עליה האט ער מנדב געווען 40 זל. אויף וואוילטעטיגע צוועקען...

דער פינפטער ארעסטירט

די אויספארשונג וועגען דעם צורויבען בנימין בודזינער, וואס ווערט געפיהרט דורך די פאליציי אחגאנגען איז שוין אינגאנצען פערענדיגט געווארען און איבערגעגעבען געווארען דער געריכטס־מאכט.

די ארעסטירטע גענגסטער בארוך, אלשעווסקי, קאלטשינסקי און בוכהאלץ זענען שוין איבערגעשיקט געווארען אין טורמע. דער פינפטער מיטשותף, וועלכער איז ערשט שבת ארעסטירט געווארען אויף עק פעטריקאווער און גלובנא, דער 30־יעהריגער מאריאן שטשעפאניאק, איז נאך פערהאלטען געווארען אין אויספארשונגס־ארעסט.

שטשעפאניאק איז א שאפער אויף דערוועלבער מאסקוביטע נומער 273 אויף וועלכער ס'איז געפאהרען דער ארעסטירטער שאפער באלטשינסקי, זיי האבען בײדע געארבייט ביי איין אונטערנעהמער פעלישאק אויף ,,זמיאנעס."

אויך בוכהאלץ האט שוין זיין ,,פערגאנגענהייט"

בארוך האט זיך בעקענט מיט בוכהאלצ'ן ביי דער פירמע לעבערעכט מילער, וואו זייערע בײדע פאטערס ארבייטען.

בוכהאלץ שטאמט אויך פון א בעסערער פאמיליע. מיט 13 יאהר צוריק האט ער געארבייט אין דער פירמע ,,אלארט און רוסא" אויף קאנטנא 19. נאך א געוויסער צייט האט ער געפעלשט וועקסלען פון דירעקטאר פון דער דערמאנטער פירמע אויף עטליכע טויזענד זל. די וועקסלען האט ער געלאזען אין פערקעהר און דאן איז ער מיט א ,,קאכאנקע" אוועקגעפאהרען קיין פראנקרייך.

נאכן פערהולטאיען דאס געלד איז ער צוריקגעקומען אין לאנד און איז צוגעצוויגען געווארען צו

בוכהאָלץ

פעראנטווארטליכקײט פאר פעלשען וועקסלען, ער איז פערמשפט געווארען אויף טורמע

* * *

דעפ. הרב רובינשטיין האט צוגעשיקט א בריף צום סענ. בודזינער, וועלכער איז זיינס א פריינד, אין וועלכען ער בעגריסט די פאמיליע בודזינער צוליב דער בעפרייאונג פון זייער זוהן.

אַלשעווסקי

גוט מארגען!

אוי, געוואלד, א גנב!..

אין דער אדמיניסטראציע פון ,,ארענדאווניק" האבען זיך אריינבעקומען גנבים, אויפגעריסען די קאסע און צוגענומען 10000 זלאטיס.

(פון דער כראניק)

בעת די לעצטע וואהלען צום לאדזשער שטאדט ראט, האט איינער פון די ענדעקישע ,,גאונים" געכאפט א פרעמדע האנד אין זיין בוזים־קעשענע, היות ווי דער ,,פאכמאן" איז געווען א ,,ריין ראסיגער", האט איהם יענער געגומען מוסר'ן:

— פאניע, ווי וואגט איהר? ווי פאסט דאס פאר אייך און דערצו צו אנ'ענדעקישען פיהרער?

— בארדזא פאנא פשעפראשאם — האט זיך דער בחור געגומען פערענטפערן — דאס זענט איהר אליין שולדיג. מאג־טעגליך שרייבט איהר אין ,,ארענדאוויק" לאזונגען:

,,סוואי דא סוועגא", ,,פאליאקען צו פאליאקען" און אזוי ווי איך בין א געשוואוירענער ,,ארענדאוויק" לעזער, היט איך אפ הייליג די לאזונגען, איך גיי נישט צו קיין זשידאווסקע קעשענעס. איך וויל די זשידעס נישט קענען! זשידזשי דא פאלעסטיני! זייט איך לייען דעם ,,ארענדאווניק", באיקאטיר איך די זשידעס... איך ,,ארבייט" נאר ביי אונזערע.. ,,סוואי דא סוועגא"! פאלאקען צו פאלאקען!

ליזענענדיג אין נעכטיגען ,,נייעם פאלקסבלאט" די מעשה מיט דער גנבת אין ,,ארענדאווניק", האט זיך מיר דערמאנט די מעשה מיט יענעם געטרייען ,,ארענדאווניק"־לעזער, א פנים, אז די דאזיגע גנבים זענען אויך געטרייע לעזער פון ,,ארענדאווניק", און אויפעסענדיג די קאסע, האט זיך זיי זיכער גע־וואַרפען אין די אויגען די ארענדאווניק־לאזונגען:

,,סוואי דא סוועגא"!

,,פאלאקען צו פאלאקען!"

א סימן האט איהר דאך!..

אב—נעק.

איין שפילער איז צוויי געווינסען

אומגעוועהנליכער צופאל אין דער געשיכטע פון דער לאטעריע

מיט א בעזונדער גליק האט בעשאנקען זיינע שפילער די קאלעקטור וואלאנאוו ביי דער ציהונג פון דער 3־טער קלאס. אויף דעם הויפט־געווינס פון 100 טויזענד זלאטעס אויף נומער 184737 וואס איז געפאלען אין דער זעלבער קאלעקטור. זענען דארט אויך געווען 3 געווינסען צו 20 טויזענד זלאטעס, 3 — צו 10 טויזענד זל. און א סך אנדערע.

צווישען די גליקליכע שפילער געפינט זיך דער פארוטשניק ס. וועלכער האט געהאט 2 פערטעל לאס, אויף איינעם איז געפאלען 20 טויזענד זלאטעס נום. 170789 און אויף איינעם 100 טויזענד זלאטעס אויף נומער 184737. דאס איז א זעלטענער פאל אין דער לאטעריע געשיכטע. נישט בחנם האט אנגענומען דער דעוויז: ,,וואלאנאוו מאכט שטענדיג רייך".

אנפאלען און מעסערשטעכעריי

(א) אויף ראג גראבאווא און באפיורקאווסקיעגא זענען 2 פערשוין בעפאלען דעם 42־יאהריגען אנטאני קויאווסקי (פון גראבאווא 22) און צושטאכען איהם מיט מעסערס. פאגאטאוויע האט פעסטגעשטעלט אז ביי איהם איז אדורכגעשטאכען די רעכטע לונג און אז ער האט וואונדען אין עטליכע ערטער. פאגאטאוויע האט איהם אריבערגעפיהרט אין קרייז־שפיטאל.

* * *

(א) אויף דער פאביאניצער גאס איז שטארק צושלאגען געווארען דער 35־יאהריגער עדוואַרד סמאלארעק. פאגאטאוויע האט דעם פערוואונדעטען אפגעפיהרט אין שפיטאל.

Dr.
Wołkowyski
ציגעל־גאס 11, טעל. 238-02
ספעצ. פאר טריפער, סיפיליס און הויט־קראנקה.
בעהאנדלונג פון מענער־שוועכע
נעמט אן פון 8—11 בייטאג און 4—9 אוונט

Dr. med. H. LUBICZ
ספעצ. פאר הויט וועגערישע קראנקהייטען און מענער־שוועכע
האט זיך איבערגעצויגען פון ציגעל־גאס 7 אויף
69 פילסודסקיעגא 69
(רוג נארוטאוויטשא) טעל. 141-32
נעהמט אן פון 8—10 פריה, 12—2 און 5—8 אוו.
זונטאג און חגאות פון 9—11 פריה.

Dr. med. Trepman
ספעציאליסט פאר טריפער, סיפילים און הויט־קראנקהייטען,
בעהאנדלונג פון מענער־שוועכע.
זאוואדזקא 6, טעל. 234-12
[illegible] פון 8—11 נאכמ. און פון 6—8 אוונד

וויכטיגע ענטשיידונגען פון העכסטען געריכט

לאקאטארען שוץ.

די בעשטימונג, אז דאס רעכט אויף'ן לאקאל נאך א פערשטארבענעם לאקאטאר גייט איבער צו די קרובים וועלכע האבען מיט איהם געוואוינט צו דעם מאמענט ווען ער איז געשטארבען, דארף מען פערשטאנען ווערען אין דעם זין פון פאקטיש וואוינען און המשך פון דער צייט ביים פערשטארבענעם אין דער דירה. דאנגען נעמט נישט אפ די רעכט פון די קרובים דער אומשטאנד, אז ער איז גראד נישט געווען אייפן ארט אין מאמענט פון זיין טויט.

רעכט אויף אזא דירה האבען נור קרובים, וועלכע האבען מיט איהם געוואוינט אלס קרובים און נישט אלס סובלאקאטארען.

די דעציזיע פון אורזשאנד ראזעימטשי וועגען דעם הויך פון דירה געלד אפילו ווען זי איז נישט געווארען פערקלאגט אין קרייז געריכט איז הערפליכטענד און מיט קיין עדות קען זי יעדענפאלס נישט אפגענומען ווערען.

שידס־געריכטען.

א פסק דין פון שידס געריכט איז גילטיג אפילו ווען ס'איז צוזאמענגעשטעלט געווארען אין יודיש.

דער פסק דין מוז נאר אריסגעטראגען ווערען אין בעשטימטען טערמין. ער מעג איהם אבער דער לאנגען די צדדים אפילו נאכ'ן בעשטימטען טערמין.

די הסכמה אויף א שידס געריכט דארף געמאכט ווערען שריפטליך. נישט וויכטיג דווקא דורך א רעיענט. ס'קען אויך זיין פריוואט.

נאכמעהר די הסכמה איז פערפליכטענד אפילו ווען די אונטערשריפטען פון די צדדים זענען געגעבען געווארען אין בלאנקא. אויב דער טעקסט איז אויסגעפיהלט געווארען לויט'ן אפרייד פון די צדדים.

האנדעלס ביכער.

אויב עס פעהלען דאקומענטען אפילו בלויז אין איינע אויסגאבען ווערען שוין דורכדעם די ביכער אנגענומען פאר נישט פארשריפטמעסיג געפיהרטע.

הכנסה שטייער

די הוצאות אויף מאדערניזירען א אנ'אונטערנעהמונג מעג אראפגעצויגען ווערען פון דער הכנסה אויב אהן דעם האט געדראט אז דער הכנסה קוואל זאל זיך פערגרינגערן.

אויף א ספסוך וועגען א שאדען אין שייכות מיט א בעגאנגענעם פערברעכען מעג מען דערלע דיגען דורך א שידס געריכט.

א שידס געריכט מעג ארויסטראגען אנ'אלטערנאטיווען פסק דין.

טעאטער פאלסקי (פריהער ראזמאיטאשטשי) ציגעל־גאס 27, טעל. 112-25
לעצטע 2 טעג! היינט, מאנטאג, 8 אוונט בילינע פרייזען
צירוליק ווארשאווסקי
דימשא, בראוויטשובנא, זביטש

די בעקער־געזעלען

אין קאמף וועגען אנולירען די נאכט ארבייט אין די בעקעריי!

(א) אין זאל פון ,,רעסורסע" (קיליגסקי־גאס 123) איז פארגעקומען אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג פון די בעקער געזעלען, געווידמעט די פראגען פון נארמירען די ארבייטס־לוינען, ארבייטס־צייט און די הויפט־זאך אנולירען די נאכט ארבייט אין די רעפעראטען, וועלכע עס האבען געהאלטען די פארשטייער פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען, [illegible] אנגעוויזען או די נאכט ארבייט אין די בעקערייען איז נישט קיין נויטווענדיגקייט ווי דאס איז אין איינצייגע אינדוסטריע־ווארשטאטען, וואו איין ארבייט איז געבונדען מיט דער צווייטער, נאר די נאכט ארבייט אין די בעקערייען איז א מין נאג, עס איז אפילו געזונדער ווען דאס ברויט זאל אנקומען צום קאנסומענט נישט גאנץ פריש, כמעטווארעם.

עס איז בעשלאסען געווארען אויסצוארבייטען א גענויעם פראיעקט וועגען דער ארבייטס צייט אין די בעקערייען: די נאכט ארבייט זאל אנולירט ווערען, עס וועט נאר אפשר דערלאזט ווערען די נאכט־ארבייט אין די ערב יום־טובים.

שפעטער איז בעארבייט געווארען א פראיעקט פון אלפוילישען צוזאמענפאהר פון בעקער־געזעלען וואס דארף פארקומען ד. 10[1 1937. ווייטער איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען די נישט קוואליפיצירטע ארבייטער, וועלכע פערנעמען די ערטער פון קוואליפיצירטע ארבייטער.

אין די אלע פראגען ווערט איבערגעגעבען אנ'ענטשפרעכענדער מעמאריאל צו דער אדמיניסטראטיווער מאכט.

KINO TEATR
MIRAŻ
[illegible] 16
אנהויב 4 נאכמיטאג.
היינט און פאלג. טעג!
פרעכטיגער דאפעלטער פראגראם
פילם פון סאוויעטישער פראדוקציע א. ג.
,,ליבע אין טאנק"
ווי אויך די אונגעוועהנליכע סענסאציע א. נ.
,,די גאנצע שטאט רעדט דערפון"
מיט'ן גניאלען E. ROBINSON
אין דער הויפטראלע.

וואס שרייבט די פוילישע פרעסע
וועגן עקספאזע פון מיניסטער בעק

(ענדע פון דער 4־טער זייט)

געבען דייטליך צו פערשטעהן, אז עס זענען פאראן פראגען בנוגע וועלכע עס זענען נישט מעגליך קיין שום קאמפראמיסען (צו זיי געהערט דער דאנציגער ענין) וואלט אין פוילען נישט געווען קיין אונרוהיג־קייט".

מיט איין ווארט, די ענדערעס האבען צו קיינעם און צו גארנישט קיין צוטרוי. זיי, פערשטעהט זיך, וואלטען אלץ בעסער געמאכט.

אין ,,ראבאטניק" כאראקטעריזירט טשאפינסקי —מיניסטער בעק'ס עקספאזע דורך דריי פרינציפיע־לע שטריכען: ,,דער ערשטער אלגעמיינקייט: יעדער מ. וכה וויהמעט דער מיניסטער עטליכע אדער עט־ליכע צוהערליג אלגעמיינע ווערטער. אין די בעזונ־דערע קאנקרעטע פראבלעמען לאזט ער זיך נישט אריין.

צווייטענס — אפטימיזם — א פולשטענדיג אויר־פערגעוועהנליכער אין אונזערע ציימען, און עס איז נישט בעוואוסט, מיט וואס ער איז בעגרינדעט. אלץ געהט ווי אמפעסטען! הערט מען אין יעדער שורה פון ,,עקספאזע". ווי ליבניץ אין זיין אונבעגרענ־צטען אפטימיזם. אין ערגיץ נישט קיין וואלקענדעל, אפילו נישט אין דאנציג... הערענדיג דער ,,עקס־פאזע" פערשטעהען מיר נישט פארוואס עס איז אזוי שלעכט, אויב עס איז אזוי גוט?".

דריטענס — די ספעציעלע מעטאדע צו בעטראכ־טען יעדע מלוכה בעזונדער ד.ה. צווייזייטיג אין זייערע בעציהונגען מיט פוילען אליין, פוילען מיט רוס־לאנד גוט, מיט רומעניען גוט, מיט פראנקרייך גוט, מיט דייטשלאנד גרויסארטיג א.א.וו. ביים הער מיני־סטער בעק פערבינדען זיך נישט די מלוכות און קעמפען נישט און זיי שאפען נישט קיין שום קאמ־פלעקסען און קיין שום פראבלעמען. עס איז נישט פאראן קיין בונדען און קיין רייבונגען, נאר וואו נישט וואו, למשל ביי די אנטי־ליגע ספולקעס זע־הען מיר אז דאך זענען די אייראפעאישע מלוכות צווישען זיך פעראייניגט און זעהר קאמפליצירטע בעציהונגען. אפער ווענען זיי רעדט מיניסטער בעק כמעט איבגאנצען נישט"

אלס רעזולטאט פון די דאזיגע דריי מעטאדען פיהרט אוים טשאפינסקי, זענען די קאנקרעטע פראב־בלעמען פולשטענדיג פערשמירט געווארען".

בכלל האלט טשאפינסקי אז עס האט זיך גאר־נישט געענדערט אין דער פוילישער אויסערליכער פאליטיק. עס איז געבליבען אזוי ווי די ,גאזעטא פאלסקא" האט געשריבען. בעת דעם פאריזער ווי־זיט: עס וועט זיך גארנישט ענדערען אין דער פוי־לישער אויסערליכער פאליטיק.

,,איינער — שרייבט טשאפינסקי — קלינגט שטארק, ווי א שטילער ליטרמאטיוו: ,,די גרויסע און דרייסטע רעציזיע א־ר צושטעלען פריינדליך די בעציהונגען צווישען אונז און דעם דייטשען רייך וועט ווייטער האבען זיין ווערט".

און טשאפינסקי פערענדיגט: ,,מיר וועלען זיך נאך צוריקקעהרען צו דער ,,עקספאזע" וועלכע האט פון איהר גאנצען אלגעמיינעם אפטימיזם און אויסמי־דונג פון קאנקרעטע פראבלעמען א גולשטענדיג אג־געצייכנטען אלגעמיינעם כאראקטער".

טעאטער, מוזיק און פערוויילונג
(קאמוניקאטען)

צווייטער קאנצערט פון שורי טשערקעסקי אין לאדז

דינסטאג דעם 29-טען ד. ח. 8.30 אווענד קומט אין זאל פילהארמאניע דער 2־טער קאנצערט פון גע־לען פיאניסט - ווירטואז, שילער פון יוזעף האפמאן שורי טשערקעסקי.

אין פראגראם: הענדעל. שטרויס, בעטהאווען אנדערע.

ס'איז צו האפען, אז דער דאזיגער קאנצערט ארויס מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

2 אויפטריטען פון דער ,,וועמאלא לוואווסקא פאלאי" אין פילהארמאניע

זונטאג דעם 27־טען דעצעמבער ד. י. 4 נאכמיט און 7.15 אווענד טרעט אויף דער בעקאנטער אנסאמ פון דער ,,לוואווסקא פאלא" בעקאנט פון די ראדיא־או היציעס.

אין פראגראם די בעסטע שלאגערן, אויך ,,וועס־ראפארט" אין 2 טיילען (16 נומערן).

פריץ קרייזלער אין לאדז

דער בעריהמטסטער פידעל־שפילער פריץ קרייזלער טרעט אויף מיטן איין־איינציגען קאנצערט אין פילהאר־מאניע שבת דעם 16-טען יאנואר 8.30 אווענד. אין פר־גראם: פאגאניני, מאצארט און בעטהאווען.

פויליש טעאטער

,,צירוליק ווארשאווסקי" שפילט די לעצטע 2 ... דעם פראקראם ,,די קאריערע פון אלפא אמעגא.. אנהויב 8 אווענד.

מעלדונג

היינט פראטעסט-פערזאמלונג אין ,,התאחדות" זאוואדזקא 12

די צ. ס. א. פ. ,,התאחדות", ארדענט היינט ... אווענד איין אין אייגענעם לאקאל א פראטעסט-פערזא־מלונג מיט דער בעטייליגונג פון די ח"ח: ד"ר ... שווייג, ראטמ. ד"ר ז. עלענבערג און ד"ר י. האגוד... געגען דער פערטעידיגונג פון די אלג. ציוניסטישע קהלה-פראקציע מיט דער אגודה'שער מושלים אין ... יידישער קהלה. נאך די רעפעראטען וועט פארקומען ... קוסיע, אנטיילנעמען אין דער דיסקוסיע קאנען נאר ... שטעהער פון ציוניסטישע ארגאניזאציעס.

3 גרויסע קאנצערטען פון יאסעלע קאלאדני
אין „פילהארמאניע"

שוין דעם נאהענטסטען פרייטאג און שבת קו־מען פאר אין פילהארמאניע 3 גרויסע קאנצערטען פון בעריהמטען לידער־זינגער און אינטערפרעטא־טאר, הומאריסט און קופלעטיסט יאסעלע קאלאדני.

אהן גרים, קאסטיום, רעקאראציעס און אנדערע סצענישע מיטלען דערשיינט קאלאדני פארן עולם, ער

יאסעלע קאלאדני

איבעראשט מיט אייגענע ארטיסטישע מיטלען. האלט דעם עולם אין שפאנונג במשך פון גאנצען אווענד.

ער איז דערצעהלער, זינגער, קופלעטיסט און פער־מאגט געגוג מיטלען אויף צו אילוסטרירען און ארויספיהרען טיפען און געשטאלטען.

קאלאדני'ס פראגראם איז א לייכטער, רייטער איי־ראפעאישער און פאלט נישט אריין אין קיין וואול־גארען טאן און צו געשמאקלאזיגקייט. נישט נאר ער זינגט, נאר ער טראגט פאר, ער שפילט, זייגט טע־מעס יענען לייכטע, שוועבענדיגע און פרעהליכע, וואס גיבען דאך א אילוסטראציע פון אונזער לעבען. זיין שפראך איז זאפטיג, זיין פערז ריטמיש, זיין הומאר געזונד.

קאלאדני'ס 3 קאנצערטען אין פילהארמאניע קו־מען פאר פרייטאג דעם 25 דעצעמבער 9 אווענד און שבת 4 בייטאג און 9 אווענד.

ספארט-בעוועגונג

באקס-מעטש איז לאדז

הכח-ווימא, 7:9

פאגאט האט געוואונען דורך ק.א. מיט טשטש־פאנסקען.

אלע האקי-מעטשען זענען אפגערופען געווארען

צוליב דעם ווארימען וועטער און פעהלען פון אייז זענען אלע האקי-מעטשען, וועלכע זענען אויף היינט בעשטימט געווארען אין גאנץ פוילען, אפגערופען געווארען צוליב'ן מאנגעל אין שניי זע־נען אויך אפגערופען געווארען אלע גארטען-פער־מעסטונגען.

פוסבאל-מעטשען

נאפשוד (ליפיני)–רוך 1:3

א. ק. ס. (שלעזיען) ל. ק. ס. (לאדז) 2:4

די פוילישע רעפרעזענטאנץ צום באקס-מעטש מיט נארוועגיע

דער פוילישער באקס-פערבאנד האט פעסט־געשטעלט פאלגענדע רעפרעזענטאנץ צום אינטער־נאציאנאלען באקס-מעטש מיט נארוועגיען: סאבקאוו־יאק, טשארטעק, קושעמינסקי, קאיבאר, שופינסקי, פיסארסקי, שימורא און פילאט.

דער פוילישער באקס-פערבאנד איז נישט נאכגעקומען דעם פערלאנג פון ווארשעווער קרייז־פערבאנד נישט ארויסצושטעלען אין דער רעפרע־זענטאנץ, טשארטעקן, פיסארסקין און פאלוסן. פאלוס איז בעשטימט געווארען אין דער רעזערוו.

ראדיא־פראגראם

מאנטאג, דעם 21־טען דעצעמבער

6.33 גימנאסטיק, 6.50 מוזיק (פליטען), 7.15 ידי־עות, 7.35 מוזיק (פליטען), 8 אודיציע פאר שולען, 11.30 אודיציע פאר שול-קינדער, 11.57 צייט-סיגנאל, 12.03 קאנצערט, 12.40 ידיעות, 12.50 שמועס, 1 פער־ווילונגס-קאנצערט (פליטען), 2.57 לאדזער בערזע, 3 ווירטשאפטליכע ידיעות, 3.15 רעקלאמע - קאנצערט, 3.40 שמועס מיט קינדער, 3.50 מוזיק פאר קינדער, 4.05 שפא־נישע טענץ (פליטען), 4.30 סאליסטען קאנצערט, 5 רעפעראט, 5.15 קלאסישעס תערשפיל, 6.10 ספארט-ידי־עות, 8.55 אקטועלער שמועס, 9 לייכטע מוזיק (פליטען), זעלבערישע אודיציע, 7.30 קאנצערט, 8.45 אווענד-ידי־עות, 855 אקטועלער שמועס, 9 לייכטע מוזיק (פליטען), 9.30 קאנצערט (פון מארן), 10.30 פאלקס-מוזיק.

היינט פרעמיערע! FRITZ LANG רעזשי פון מעכטיגער פילם, „FURJA" (כ'בין אונשולדיג)

Sylvia Sidney אין די הויפט־ראלען:

אויסערן פראגראם: אקטואליטעטען פון PAT און אנדערע.

54 פרייזען פון די פלעצער איף אלע סעאנסען פון

היינט פרעמיערע!

קלאנג-קינא CAPITOL זאוואדזקא 16

קליינע אנאנסען
1 זלאטי
אנאנס ביז 1/4 קילא

פערשידענעס

Potrzebni krawcy do różnych ... odzieżowych na eksport. ... Eger, Piotrkowska 158.

א פראנט-געוועלב מיט א ... וויסטאווע, ביליג דירה-געלד, זנעהר ... באלד אפצוגעבען. זיך צו דערוויסן ... גאלאנטעריע-געשעפט, ביי טריומף.

אן' לעקטרישע האנד=בויער=מאש... זוך איך צו קויפען. אפערטען אונטער ,,J" אין אדמיני...

BUCHALTER-PODATKOWIEC
...anowisku zaprowadza i prowadzi ... handlowe w większych i mniej- ... przedsiębiorstwach. Sporządza ... Organizuje również księgowość ...tkową. Za uznanie ksiąg gwaran- ...cją. Opłata przystępna. LEON ..., Piotrk. 79, m. 40, tel. 145-64.

סוחרים, פאבריקאנטען און ... שטעלעס! בוכהאלטער-בילאנסיסט ... הענדעלס-ביכער שטונדענווייז ... שידענע בראנזשעס — נעמט ... איינציגע פירמעס. לערנט אויס ... טעריע און מאשין-שרייבען ... און גרינדליך. אינפארמאציעס ... נא. 25. וו. 35. —

וויכטיג פאר אלע!

כריסבוינעס, האנטערטען, רעגנמנטלען, טעמפערטורוגעם, התונה-קארטען, זערש. עטיקעטען.

מיטען-עטיקעטען, מאס-ביכער, ברוים-עטיקעטען, טריקא-עטיקעטען, שטריטש באנדערטש אין החיוטאריזשען,

מיט די מאדערנסטע שריפט

די שנעל-דרוקעריי בראמבערג
לאדז, צעגעלניאנא 8 טעל. 255-09

מעכאנישע לאסעריי
שלאסעריי ווייסעריי!
פיהרט אויס ביליג, שנעל, גוט
אלטע מאשינען־טיילען
J. Reder, Łódź, 11 Listopada 11/13
רוג זאכאדניא

בעקומען אויסצייכנונג אין א גאלדענעם מעדאל אויף די אויסשטעלונגען אין די גרעסטע שטעדט פון אייראפע און אין תל-אביב (ארץ-ישראל)

RATUJE WŁOSY
usuwa łupież-zapobiega wypadaniu
DAJE PIĘKNA
bujną fryzurę

פארערט אין אלע אפטייקען, אפטייק-סקלאדן און פערפומעריעס.

Fabr. Chem. Kosm.
„Pharmachemja", Bydgoszcz.

Dr. med. Niewiażski
ספעציאליסט פאר טריפער, סיפילים און הויט - קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער - שוואכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
פראנט, 1טער שטאק
נעהמט אן פון 8-11 און פון 5-9 אווענט זונטאג און יום טוב פון 9-1 נאכמיטאג. ספעציעלער ווארטע - זאל פאר פרויען

Dr. med J. Nadel
ספעציאליסט פון אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
אנדזשעיא 4, טעל. 228-92
נעמט אן פון 10—12 און פון 5—7 אוו. אין דער לעטשניצע בזשעזשינער 11 פון 12 ביז 1 בייטאג.

וויכטיג פאר ברוך-קראנקע
(רופטורע) זאווי פון פערקרימונגען פון רוקען-ביין (הויקערס), פאראליזשען, ביין-שווינדזוכט, פלאטפים און פערשידענע אנדערע פערקריפלונגען-ליידענדע.

פאר פערשידענע ארט רופטורען פערעלטערטע און די געפערליכסטע ביי מענער, פרויען און קינדער ספעציעלע ארטאפעדישע הייל-באנדאזשען לויט מיין מע־טאדע היילן און בעזייטיגען ראדיקאל יעדן איינציגן ברוך.

ביי מאגען און קישקע - זענקונג ספע־ציעלע אינדיווידועל צוגעפאסטע לייב־הייל־באנדא־זשען.

פאר הויקערס ספעציעלע גארסעטען און גלייכהאלטערס.

געגען ביין-שווינדזוכט ספעציעלע אר־טאפעדישע אפאראטען פון אלע סיסטעמען.

געגען שמערצענדע פלאטפים ספע־ציעלע ארטאפעדישע איינלאגען לויט גיפס-מאדעלען.

געגען קרומע אדערן ספעציעלע גומי־שטרימף לויט מאס.

קינסטליכע הענד און פיס
ספעציעלע הייל=ארטאפעדישע אנשטאלט
ספעצ. ארטאפעד

א. פעטריקעוויטש, לאדז
9 פיראמאוויטשא 9, טעל. 177-09 (פריהער אלגינסקא)
אכטונג! קראנקע מוזען זעלבסט ערשיינען.
טויזענטער דאנקזאגונגען קענען בעוויזען ווערען

Dr. med. Z. DATYNER
אוראלאג
ספעצ. פאר נירען בלאז און אורין-קראנק.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95.
נעמט אן פון 9-11 און פון 6-8 אווענט

Dr. B. Hurwicz
Choroby skórne i weneryczne
Piotrkowska 10
נעמט אן פון 8-11 און פון 5-9 אוו. זונטאג און יום-טוב - פון 8 1 בייטאג

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub. Redaktor odpowiedzialny Chanon Kaufman
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21